UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Kheshbn No. 150 - Fall 2007 - Journal

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/59m0v8pd

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 150(1)

Publication Date
2007

Copyright Information
Copyright 2007 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און קולטור־פראָבלעמען

אַרויסגעגעבן פון
**לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב**

# 150

האַרבסט
תשס"ח

AUTUMN
2007

# אינהאַלט


מ. שקליאַר: חיים גראַדע - צו זיין 25־סטן יאָרצייט ........ 3
צום 55סטן יאָרצייט:
ד. האָפשטיין: ליד ........ 14
פּ. מאַרקיש: ליד ........ 15
מ. קולבאַק: ליד ........ 15
ש. האַלקין: ליד ........ 16
א. פעפער: ליד ........ 16
א. קושניראָוו: ליד ........ 17
ל. קוויטקאָ: ליד ........ 17
א. כאַריק: ליד ........ 18
* אַ ניי בוך פון אַלכסנדר שפּיגלבלאַט ........ 19
א. שפּיגלבלאַט: ווען דער בעז האָט געבליט ........ 20
ל. מייזנער: און אויב איך וועל נישט קענען ........ 27
פּ. פלאָטקין: לידער ........ 31
ד. וואָלפּע: אַ פרילינג אין דייטשלאַנד ........ 32
ר. באַסמאַן בן־חיים: ליד ........ 39
מ. שקליאַר: לידער ........ 39
מ. אייזענבוד: אויף דערווייל... (דערציילונג) ........ 41
מ. זאַלצמאַן: מרדכי געבירטיג און דאָס יידישע פאָלקס־ליד ........ 45
א.פ.: צו דער פּטירה פון ישראל־קינסטלער משה בערנשטיין ........ 50
ל. פראָלאָוו: שמיליקל שוסטער און זיינע מעשיות ........ 51
מ. יאַנקיוּוסקי: היסטאָריע געשריבן מיט אַן אַנטיסעמיטישער פען ........ 57
ע. פישבין: אַ ניי בוך פון אהרן שפּיראָ ........ 61
* אָנגעקומען אין רעדאַקציע ........ 63
* כראָניק פון ל.א. יידישן קולטור־קלוב ........ 64
באַגריסונגען ........ 65

# לשנה טובה תכתבו ותחתמו

## אַלע אונדזערע אַבאָנענטן,

## לייענער און מיטאַרבעטער

## ווינטשן מיר אַ יאָר פון געזונט,

## גליק און שלום.

*רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג*
*פון "חשבון"*

---


H E S H B O N
*PERIODIC LITERARY REVIEW*
8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048



EDITORIAL BOARD:

**MOSHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A., CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Co-editor

ADMINISTRATIVE COMMITTEE

**JACOB LEWIN,**
6365 Orange St. CA 90048 - Tel. 323 939 7379

Members: **L. MEISNER, Z. MALEVITZ, N. STEINMAN,**

# חשבון
נום. 150

פּעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור און
קולטור־פּראָבלעמען

משה שקליאַר:
רעדאַקטאָר

ישׂראל גובקין:
מיטרעדאַקטאָר

פאַרוואַלטונג מיטגלידער:
יעקב לעווין, פאַרוואַלטער
זעלדע מאַלעוויטש
לילקע מייזנער
נתן שטיינמאַן

62־ער יאָרגאַנג, נומער 150 • האַרבסט 2007 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.


משה שקליאַר

## חיים גראַדע - דער דיכטער

### צו זיין 25־סטן יאָרצייט (1910-1982)



ביים ברייטן לייענער־עולם איז חיים גראַדע מער באַקאַנט ווי אַ פּראָזאַיקער, ווי דער מחבר פון גרויסע ראָמאַנען און דערציילונגען, וואָס שפּיגלען אָפּ דאָס פאַרגאַנגענע יידישע לעבן אין מזרח־אייראָפּע, דאָס לעבן וואָס איז פאַרשניטן געוואָרן אונטערן חלף פון די היטלעריסטישע האָרדעס. אין אָט די ראָמאַנען האָט חיים גראַדע קודם־כל אויפגעשטעלט אַ ווירדיקן דענקמאָל זיין היימשטאָט ווילנע, די ירושלים דליטע, און אירע מענטשן, די האָרעפּאַשנע יידן, וואָס האָבן אָנגעפּליט אירע גאַסן, הויפן און הייזער; די יידן פון די בתי־מדרשים און שילן, די ישיבה־בחורים, למדנים און עסקנים, יידן פון די פאַרשיידנסטע פּאָליטישע מיינונגען און באַוועגונגען. מיט זיי, די ראָמאַנען און דערציילונגען זיינע, האָט חיים גראַדע זיך אַריינגעשריבן אויף אייביק אין די אַנאַלן פון דער יידישער ליטעראַטור, וווּ ער פאַרנעמט אַן אָרט אין סאַמע אויבנאָן, ביי דער מזרח־וואַנט.

אָבער איידער חיים גראַדע איז באַקאַנט געוואָרן ווי אַ פּראָזאַיקער, נאָך דער מלחמה, איז ער שוין באַוווּסט געווען ווי אַ דיכטער אין פאַר־מלחמהדיקן פּוילן און ווייט מחוץ אירע גרענעצן. ער האָט קיין מאָל נישט אויפגעהערט צו זיין דיכטער, חיים גראַדע. חוץ דעם וואָס אין זיין פּראָזע־שאַפונג פילט זיך גאַנץ אָפט דער געטלעכער הויך פון פּאָעזיע, האָט ער אויפן גאַנצן שטח פון זיין נאָך־מלחמהדיקער יצירה, באַנאַנד מיט ראָמאַנען און דערציילונגען, געשריבן און פאַרעפנטלעכט אַן אַ שיער לידער און פּאָעמעס, וואָס זענען אין זין פון

קינסטלער־שער קוואַליטעט גלייכווערטיק מיט זיין פּראָזע, אויב נישט נאָך העכער!

וועלן מיר טאַקע פּרווון אויף דעם אָרט רעדן וועגן חיים גראַדעס דיכטונג, וועגן זיין פּאָעטישער שאַפונג, ווייל אַרומנעמען זיין גאַנצן שאַפערישן וועג אויף איין מאָל איז נישט מעגלעך. אַפילו בלויז די פּאָעטישע שאַפונג זיינע לאָזט זיך נישט אויסשעפּן אויף איין מאָל. איבעריקנס, קיין שום שאַפונג פון אַ באַטייטנדיקן קינסטלער לאָזט זיך נישט אויסשעפּן מיט ווערטער. מען דאַרף זיך אין איר אַריינלעבן, אַריינפילן, קאָנטעמפּלירן, און ערשט דעמאָלט - דערגייט מען טיילווייז צו די מדרגות צו וועלכע דער קינסטלער האָט אונדז געוואָלט דערהייבן.

* * *

אין אַ ליד, פאַרעפנטלעכט האַרט פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט חיים גראַדע געשריבן:

*דער נאַרעוו איז אַרויס פון זיינע ברעגן*
*אַ בייז־דערצאָרנטער אין שטורעמטעג;*
*מיר זיינען אין געוויטערן, ווי שאָף אין ווינט און רעגן,*
*פאַרטוליעט ביי זיין ברוסט געלעגן -*
*איצט מוזן מיר אַוועק.*

---

*אָ, פאַרשווענק אונדז מער ניט, נאַרעוו!*

זענען עס געווען נביאישע שורות! דער דיכטער האָט מיט זיין אינסטינקט, מיט זיין אָנגעשאַרפטן חוש און אחרית פון אַ שליח ציבור פאַרגעפילט, וואָס עס גרייט זיך פאַר זיין פאָלק. און ער האָט געבעטן, און ער האָט תפילה געטאָן: "אָ, פאַרשווענק אונדז מער ניט נאַרעוו"... דערמאָן איך איצט די דאָזיקע שורות נישר מחמת זייער דעמאָלטיקער און אייביקער אַקטועלקייט - אַלע מאָל האָט דאָך אונדז געדראָט און עס דראָט אונדז פאַרשווענקט צו ווערן סיי פון שמוציקע און סיי אויך פון ריינע כוואַליעס. איך דעמאָן זיי גאָר צוליב עפּעס ענדערש. ווען איך האָב איצט ווידער געבלעטערט גראַדעס לידער־ביכער האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז איך ווער פאַרשווענקט, פאַרפלייצט פון אַ ים פון פּאָעזיע - פון ווערטער און בילדער, פאַרגלייכן און מעטאַפאָרן, געפילן פון ליבע און האַס, פון ווייטיק און פּיין; פון ליכט און שאָטן; טרויער פון פאַרגיין און פרייד פון יצירה - און דאָס אַלץ רייסט זיך פון די ברעגן, נאָר די מייסטער־האַנט פונעם דיכטער ווייסט ווי צו צוימען די כוואַליעס, איינפאַסן זיי אין די ראַמען פון ריטעם און קלאַנגען, וואָס דערגייען צו דיר אַ מאָל ווי שטילע עלעגיעס, און אַן אַנדערש מאָל ווי שטורמישע סימפאָניעס, וואָס ווערן איינגעצוימט דורכן וווּנדער־שטעקעלע פונעם דיכטער־דיריגענט. אַזאַ איז חיים גראַדעס דיכטונג: שטיקלייט און געצוימטער שטורעם. און אַזוי פון סאַמע אָנהייב אָן, ווען ער האָט זיך ווי אַ מעטעאָר באַוויזן אויפן ליטעראַרישן פירמאַמענט, ווי איינער פון דער גרופּע יונג־ווילנע, וואָס איז אויפגעקומען אין ירושלים דליטע אין אָנהייב דרייסיקער יאָרן פון פאַריקן שטורמישן יאָרהונדערט. יונג־ווילנע אַליין איז געווען אַ פענאָמען, און גלייך פון איר אַריינמאַרש אין דער יידישער ליטעראַטור האָט זי, ווי אַ גרופּע, און יעדער

פון אירע אַנטייל נעמער באַזונדער, געצויגן אויף זיך דעם אויפמערק פון די יידיש־שאַפער און אָפּנעמער אין איירָאָפּע און אַמעריקע.

עס איז כדי צו דערמאָנען, אַז געווען זענען דעמאָלט דריי צענטערס פון דער יידישער ליטעראַטור, און זינט יאָרן איז אָנגעגאַנגען אַ דיסקוסיע, וועלכן פון די צענטערס – וואַרשע, ניו־יאָרק אָדער מאָסקווע – עס קומט די בכורה.

אין וואַרשע האָט נאָך געהערשט דער גייסט פון י.ל. פּרץ, דאָרט איז געווען די גרונט־מאַסע פון יידישן פּוילן, אַהין האָבן געצויגן יונגע טאַלאַנטן פון גאַנצן לאַנד, דאָרט איז געווען טלאָמאַצקעס דרייצן און די "ליטעראַרישע בלעטער" – צווייִ אַדרעסן פאַר יידישע שרייבערס פון גאָר דער וועלט; נישט לאַנג צוריק האָט נאָך דאָרט געהאַט געטומלט די "כאַליאַסטרע" מיט פּרץ מאַרקישן, אורי צבי גרינבערגן און מלך ראַוויטשן בראש – זיי האָבן געזוכט נייע פאָרמען און אויסדרוקן, פּראָקלאַמירט מאַניפעסטן; דאָרט איז אויפגעקומען אַ רעוואָלוציאָנערע שרייבער־גרופּע, און ווייט פונעם טומל האָבן געשאַפן זייערע ווערק רעליגיעזע שרייבערס – הלל און אהרן צייטלין, ישראל שטערן און חיים סעמיאַטיצקי...

אין ניו־יאָרק האָבן די יונגע און איזיכיסטן מיט לייוויקן, אָפּאַטאָשון, משה לייב האַלפּערן, גלאַטשטיין, לעילעס א"אַ באַהערשט די אַ"ג ליטעראַרישע גאַס. אויך דאָ זענען געווען פּראָקלאַמאַציעס און מאַניפעסטן, וואָס האָבן זיך טיילווייז איבערגערופן מיט די מאַניפעסטן אין וואַרשע. אַלע האָבן זיי געשטרעבט צו באַנייונג, צום מאָדערניזם, צו באַפרייען זיך פונעם אַלטן.

און אין מאָסקווע איז אַלץ געשטאַנען אונטערן צייכן פון דער רעוואָלוציע. עס איז געווען פאַרלייקענונג פונעם נעכטן און דער ווילן אַריינצושפּאַנען מיט ריזנטריט אינעם מאָרגן. טייל זענען מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם און אַנדערע זענען געווען בלויז אַ"ג מיטגייער אָדער מיטלויפער. אויך דאָ איז פאָרגעקומען אַ באַנייונג פון יידישן וואָרט. אין דער פּראָזע האָבן געשאַפן אַזעלכע מייסטערס ווי דוד בערגעלסאָן און דער נסתר, אין דער פּאָעזיע – דוד האָפשטיין, שמואל האַלקין, פּרץ מאַרקיש. דאָס זענען בלויז געציילטע נעמען פון דער גרויסער פּלעיאַדע סאָוועטיש־יידישע שרייבערס און פּאָעטן, וועלכע זענען שפּעטער פאַרשניטן געוואָרן דורך דער סטאַלינישער האַק.

פונקט ווי די יונגע און אינזיכיסטן פון ניו־יאָרק, אַזוי האָבן אויך די יידישע שרייבערס פון מאָסקווע משפיע געווען טיילן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַנדערע לענדער און די השפּעה האָט זיך אָפּגעפּילט אין די שאַפונגען פון אַ סך יידישע שרייבערס, דיכטערס און דראַמאַטורגן.

יונג־ווילנע איז, נאַטירלעך, נישט פריי געווען פון השפּעות, אָבער ניט ווי אַ גרופּע. אַוודאי קאָן מען געפינען ביים יונגן חיים גראַדע השפּעות פון די "יונגע", באַזונדערס פון לייוויקן און משה לייב האַלפּערן, פונקט אַזוי קאָן מען ביים יונגן סוצקעווער געפינען איינפלוסן פון לעילעסן. אָבער קודם־כל האָבן זיי אַלע געלערנט פונעם ווילנער לערער און גרויסן דיכטער משה קולבאַק, וועלכער איז שפּעטער דערמאָרדעט געוואָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

יונג־ווילנע, ווי אַ גרופּע האָט, צום אונטערשייד פון די פריער דערמאָנטע, נישט געהאַט קיין עסטעטישע און נישט קיין פּאָליטישע אידעאָלאָגיע, זי האָט נישט פּראָקלאַמירט קיין מאַניפעסטן. איר איינציקע אידעע איז געווען די יידישע ליטעראַטור, דאָס געלייטערטע יידישע וואָרט. און ווייל אַרויסגעוואַקסן פון דער

יידישער אָרמקייט, ווי די מערסטע יידישע שרייבערס אומעטום, האָט זיך אין זייערע ווערק אָפּגעפּיגלט דער סאָציאַלער און נאַציאָנאַלער געראַנגל פון דער צייט. אַזוי איז עס געווען אין די לידער פון חיים גראַדען וועגן זיין אָרעמער מאַמען און וועגן דער קעלער־שטוב, וואָס האָבן אויפגעטרייסלט מיט זייער רעאַליזם, און אַזוי איז עס געווען אין די עסטעטיש־ראָמאַנטישע לידער פון אַברהם סוצקעווערן, וועלכע טייל קריטיקערס האָבן דעמאָלט באַצייכנט ווי קאַלטע, ציזעלירטע סקולפּטורן; אַזוי איז עס געווען אין די איבערגעלאָדענע מיט מעטאַפאָרן לידער און פּאָעמעס פון אלחנן וואָגלערן, ווו עס האָבן דאָמינירט די בעריאָזע און דער פלוימענסאַד, אָבער געוויינט האָט אין זיי דער טרויער פון דער ווילנער יידישער אָרמעקייט, און אַזוי איז עס געווען אין די באַלאַדעס פון לייזער וואָלף.

אין 1936 איז חיים גראַדע אַרויסגעקומען מיט זיין ערשטן לידער־ביכעל א״נ "יאָ". און גלייך האָט זיין "יאָ" זיך דערהערט אויף ביידע זייטן פון אַטלאַנטישן אָקעאַן, אַזאַ קרעפּטיקער "יאָ" איז עס געווען. ער איז אויפגענומען געוואָרן מיט צעעפּנטע אָרעמס דורך דער יידישער ליטעראַטור, וועלכע האָט דערפילט, אַז עס איז צוגעקומען אַן אויסערגעוויינלעכער און איינמאָליקער טאַלאַנט, וואָס האָט זיך אַריינגעשטעלט מיט ביידע פיס אויף איר וואַקלדיקן באָדן און ער וועט דאָרט שטיין אויף אייביק, ווייל אייביק איז דאָס וואָרט, וואָס קומט פון אַ נביא. יאָ, אין זיין ערשטלינג־ביכל האָבן זיך שוין אַרויסגעפּילט נביאישע טענער, הגם ערשט מיט יאָרן שפּעטער האָט ער געשריבן אין אַ ליד "צו חיים נחמן ביאַליק": "און קרוין מיך פאַר דיין יורש, בלאָז אין מיר אַריין / דעם גייסט און פייער פון די בני־הנביאים"... ווייזט אויס, אַז ביאַליק האָט דערהערט דעם ווילנער דיכטעס געבעט. דאָס האָט אוודאי געהויכט אויף אים דער "גייסט און פייער פון די בני־הנביאים בעת ער האָט אין יענער צייט, ערב דעם גרויסן חורבן פון אונדזער פאָלק געשריבן:

*ביינאַכט שפּאַן איך אום אין תכריכים אין ווייסע*
*און זויג איין די שרעק פון מיין פאָלקס קאַטאַסטראָפע*
*באַגינען באַלאָדן מיט פינצטערע מעשיות*
*קום איך אַהער צו די שוואַרצע הקפות.*

חיים גראַדע, ווי דערמאָנט, איז ווי אַלע יונג־ווילנער, געקומען פון דער דאָרטיקער יידישער אָרעמקייט, און אָט די אָרעמקייט באַקומט איר אָפּשפּיגלונג אין זיינע לידער, באַזונדערס אין ערשטן פעריאָד פון זיין שאַפונג, הגם אויך שפּעטער וועט ער זיך אומקערן צו איר פיל מאָל, באַזונדערס צו זיין אָרעמער מאַמען וועמען ער האָט ממש פאַרהייליקט און וועמען ער וועט שפּעטער ווידמען אַזוי פיל לידער, פּאָעמעס, און פאַרייביקן זי אין זיינע גרויסע ראָמאַנען און דערציילונגען.

אָבער אָרעמקייט צו אָרעמקייט האָט נישט קיין גליכן, פּונקט ווי רייכקייט האָט נישט קיין גרענעץ. אָט ווי זיין יוגנט־פריינד, דער ליטעראַטור־קריטיקער שלמה בעליס שילדערט חיים גראַדעס שטוב: "דאָס הילצערן אָנפּענצטערדיקע קעמערל אין וועלכן ער האָט געוווינט צוזאַמען מיט דער מאַמען, האָט זיך

געפונען אין אַ פֿאַרטשאַדעטער קוזניע ווו עס האָט געקלאַפּט מיטן האַמער אַ ייִד, אַ בייזער, אַ פֿאַרכמורעטער שמיד...ביים טויער פֿון זעלבן הויף, אויף דער יאַטקעווער גאַס, איז געשטאַנען מיט קאָשיקעס עפּל, אין אַלע צייטן פֿון יאָר, אין רעגן, קעלטן און היצן – זיין מאַמע. די קליינע, הויט־און־ביינעדיקע ווּלע, אַ ייִדענע אַ צדקות... פֿרום, צאַרט, ערלעך, תמימתדיק, אַ פֿאַרליטענע האַרעפּאַשניצע... זי האָט געלעבט פֿאַר איר זון, פֿאַר איר חיימען".

און חיים האָט עס קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן. ער האָט דורכגעטראָגן זיין מאַמען אין אַלע זיינע שאַפֿונגען, דורכן גאַנצן לעבן, ווי ער שרייבט עס אינעם עפּענונג־ליד פֿון זיין בוך "דער מאַמעס צוואה": "קום מאַמע, ווי אַ קינד אויף מיינע הענט / איך וועל דיך איינשטילן". שוין אין זיין ערטלינג־בוך "יאָ" האָבן מיר ממש אַ רעמבראַנדישן פּאָרטרעט פֿון זיין מאַמען מיט לעבעדיקע קאָנטראַסטן פֿון ליכט און שאָטן, ווו יעדער שטריך באַקומט זיך בולט ביז גאָר, און פֿאַרשניידט זיך טיף אין זכרון. מירן ציטירן בלויז אייניקע שורות: "די באַקן איינגעפֿאַלן און די אויגן האַלב נאָך אָפֿן / הערט מיין מאַמע ווי עס זיפֿצן אירע קני'... / און ס'ווײנט איר האַנט... / איר פּנים רויכערט זיך – אַ פּייער ־טאָפּ... / ווי קוילן גליען אירע באַקן, / עס שניידט דער פֿראָסט אין האַלדז און נאַקן / אין ווינט און שניי פֿאַרוויט / שלאָפֿט מיין מאַמע שטייענדיקערהייט".

אין דעם זעלבן קליינעם ביכל "יאָ", וואָס איז אַרויס אין 1936, ווען חיים גראַדע איז אַלט געוווען קוים עטלעכע און צוואַנציק יאָר, און די לידער האָט ער דאָך געשריבן אַ סך פֿריער, ביז זיי זענען גרייט געוווען צום איינזאַמלען אין אַ בוך, קאָן מען שוין געפֿינען גראַדעס לעבנס־פֿילאָסאָפֿיע, צו וועלכער ער וועט געטריי בלייבן ביז זיינע לעצטע טעג. אָט וואָס ער שרייבט אינעם ליד "יאָ", לויט וועלכן דאָס בוך איז באַטיטלט:

*מיין ליידנשאַפֿט פֿאַרטיף איך ביז צו איבערצייגונג,*
*פֿאַר מיר איז אַלץ אין לעבן אומבאַדינגט.*
*איך קען נישט זיין דער פֿויגל אין די צווייגן,*
*וואָס וויגט זיך סתם אַזוי און זינגט.*

---

*גלויבן! די פֿינגער מיינע ציען זיך ווי שטראַלן,*
*ווי טרערן רינט פֿון מיין געזיכט דער בלאָ.*
*מיין האַרץ, דערשלאָג זיך צו דעם קוואַל פֿון אַלע קוואַלן –*
*דערשלאָג זיך צו דעם ערשטן זאָגנדיקן: יאָ!*

וואָס זעען מיר אין דעם ליד? קודם־כל זיין אַנגאַזשירטקייט אין לעבן, ער קאָן נישט זיין קיין פּאַסיווער צושויער, דער דיכטער פֿון דער ווילנער ייִדישער אָרעמקייט, דער געוועזענער מוסרניק, וועלכער ווייסט, אַז אַלץ איז אין לעבן אומבאַדינגט, אָבער ער וויל דערמיט נישט שלום מאַכן, ער וויל זיך דערשלאָגן צום קוואַל פֿון אַלע קוואַלן... ער וויל נישט זיין דער פֿויגל אין די צווייגן וואָס וויגט זיך סתם אַזוי און זינגט. דער דאָזיקער געפֿיל וועט זיך נאָך מער פֿאַרשטאַרקן אין אים נאָכן חורבן ווען ער וועט ווערן, ווי ער דריקט זיך ערגעץ אויס, "דער שרייבער פֿון אַ פֿאַרשוווּנדענער וועלט", און ער וועט אָט די וועלט, די ייִדישע ווילנע מיט אירע זאַווּלקעס, מיט אירע בתי־מדרשים און דורכהויף, שילן און

פֿאַראײנען, מיט אירע קלויזן און שטומען מנין, מיט אירע פֿאַרשײדנאַרטיקע טיפֿן און געשטאַלטן אויפֿלעבן אין זײַנע פּראָזע־ווערק און פּאָעמעס. און נאָך: "אַ בריק פֿון די יאָרטויזנטער ווערט ווי אַ רעגנבויגן / פֿאַרוואָרפֿן פֿון מײַן פֿענצטער ביז צום וואַלד".

שוין דעמאָלט האָט ער געפֿילט, חיים גראַדע, אַז ער איז נישט בלויז דער דיכטער פֿון הײַנט און פֿון מאָרגן, וועלכן ער וויל באַגעגענען מיט אַ "יאָ". צווישן אים און זײַן נעכטן, דעם נעכטן פֿון זײַן פֿאָלק, שטייט אַ בריק פֿון יאָרטויזנטער "פֿאַרוואָרפֿן ווי אַ רעגנבויגן", און נישט איין מאָל שפּעטער וועט ער זיך לאָזן שפּאַנען איבער דער דאָזיקער רעגנבויגן־בריק, אַנטפּלעקנדיק פֿאַר אונדז בילדער פֿון דער ווײַטער פֿאַרגאַנגענהייט אין זײַנע לידער און פּאָעמעס אויף ביבלישע טעמעס.

* * *

אין אַ יאָר אָדער צוויי אַרום נאָך דעם ביכל "יאָ" איז אַרויסגעקומען חיים גראַדעס גרעסערע פּאָעמע "מוסרניקעס", וואָס האָט געמאַכט נאָך אַ גרעסערן רושם אין דער ייִדיש־ליטעראַרישער וועלט, ווי זײַן ערשטלינג, און האָט געוווּנען אַ פּריז פֿאַר פּאָעזיע אין ניו־יאָרק. אָבער נישט בלויז אין דער ליטעראַרישער וועלט האָט די פּאָעמע געמאַכט אַ רושם. איך דערמאָן זיך: אַ ייִנגל, וואָס איז נישט לאַנג צוריק געהאַט אַרויס פֿון אַ ייִדיש־וועלטלעכער פֿאָלקס־שול, האָב איך נאָכגעפֿאָלגט מיט אינטערעס חיים גראַדעס לידער ווו נאָר זיי האָבן זיך באַוויזן אין דרוק. הגם זיי האָבן טיילווײַז באַרירט די זעלבע סאָציאַלע טעמאַטיק, וואָס מען האָט געקאָנט טרעפֿן בײַ אַנדערע ייִדישע פּאָעטן צו יענער צײַט, און וואָס איז מיר געווען זייער צום האַרצן, האָבן זיי זיך דאָך אויסגעטיילט, גראַדעס לידער, מיט דער רײַכער בילדלעכקייט און דעם פֿײַער, וואָס האָט געשלאָגן כמעט פֿון יעדער שורה און צווישן די שורות. עס איז געווען נישט דאָס לײַכטע פֿײַער פֿון רעטאָריק, נײַערט אַ הייליקער פֿלאַם, ממש אַ מיסטיש פֿײַער וואָס ברענט און ווערט נישט פֿאַרלאָשן, און גלײַכצײַטיק רודערט עס אויף די דינסטע סטרונעס פֿון דײַן האַרץ.

און אָט האָט זיך באַוויזן די פּאָעמע "מוסרניקעס". איך האָב זיך צוגעכאַפּט צו איר ווי צו אַן אבן־טוב. דער נאָמען איז מיר געווען פֿרעמד, אָבער איך האָב געהאַט צוטרוי צו מײַן ווילנער דיכטער. און געשען איז אַ מאָדנע זאַך: אַנשטאָט געפֿינען אַ המשך פֿון "יאָ", פֿון יענע אויפֿטרייסלענדיקע לידער וועגן אָרמעקייט און נויט, פֿון וועלכע עס האָט געאָטעמט מיט שײַנקייט און רחמים; פֿון יענע לידער וואָס האָבן געוויגן און געמאָסטן דעם גורל פֿון דער וועלט נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט אין דײַטשלאַנד און דעם אויפֿשטאַנד פֿון סאָציאַליסטישן שוצבונד אין ווין קעגן דער פֿאַשיסטישער דאָלפֿוס־דיקטאַטור – האָט זיך גאָר אַנטפּלעקט פֿאַר מיר אַ נײַע וועלט – די וועלט פֿון קלויז און פֿון ישיבֿה־בחור, דעם מוסרניק, וועלכן איך האָב געקענט בלויז פֿון דער אויסערלעכער הלבשה. און וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן? אויך די דאָזיקע וועלט איז פֿול מיט אינערלעכן געראַנגל, מיט אידעען, מיט לײַדנשאַפֿטן, מיט טרײַשאַפֿט און פֿרײַנדשאַפֿט, מיט שׂנאה און ליבע – מיט איין וואָרט, זי איז פֿול מיט פּאָעזיע. איך האָב דערקענט אַן עטיק, וואָס איז נאָענט געווען צו מײַנער, הגם צווישן מיר, מײַן סבֿיבֿה און

דער סביבה פון די מוסרניקעס איז געשטאַנען אַ תהום נישט צום אַריבערשפּרייזן. חיים גראַדע האָט מיר דערנענטערט אָט די סביבה, הגם ער אַליין האָט זיך פון איר געהאַט דערווייטערט... מיך האָט געלאָקט די לעבנס־פילאָסאָפיע פונעם עלטערן מוסרניק ר' אבא, וועלכער לערנט מיט די יינגערע: "וואָס טוט איר העכער אָצויאָגן?! / וועלדער זענען דאָ - טאָ לאָמיר גיין דאָרט לעבן מיט בטחון / דער מענטש איז שטאַרק גענוג פון אַלץ זיך אָפּצוזאָגן"...

ניין, איך בין נישט גרייט געווען זיך אָפּצוזאָגן פון אַלץ, פאַרקערט, איך בין געגאַנגען איינעמען די וועלט, ווי יעדער טוט עס אין זיין יוגנט, אָבער מיר איז געווען צום האַרצן די פילאָסאָפיע פון באַשיידנקייט, פון ריינקייט פון דער נשמה. איינער פון די מוסרניקעס שטאַמלט אַרויס: "איך האָב אַ פוטער אָפּגעגעבן / און געגאַנגען אָן אַ מאַנטל ביזן טיפן ווינטער". אויף דעם ווענדט זיך ר' אבא צו אַ צווייטן: "וואָס זאָגט איר כלאַוונע צו אַזעלכע רייד? דאָס איז אַ גרויסער פּרט, נאָר ס'קען געשען / אַ מענטש זאָל מקריב זיין דאָס לעבן - / די וועלט זאָל אָבער וויסן עס און זען"...

הייסט עס באַשיידנקייט איז נאָך ווייניק, מען דאַרף זיך דערביי אויסהיטן פון רעקלאַמע, פון באַווייזן זיך פאַר דער וועלט - זעט ווי שיין און גוט איך בין... אַזאַ עטיק, אַזאַ מאָראַל איז מיר געווען ביז גאָר צום האַרצן. און ווען גראַדע שילדערט די קלויז, די אַטמאָספער וואָס הערשט דאָרט , דערפילט איר דעם קאָנטראַסט, דעם גרויסן ווידעראַנאַנד צווישן מאַטעריעלן און גייסטיקן, און עס בלייבט נישט מער ווי צו וווּנדערן זיך ווי אַזוי אין אַזאַ אַטמאָספער קאָן אויפקומען די גאַרונג צו נשמה־ריינקייט. בלויז אייניקע שורות און עס וועט קלאָר ווערן וואָס איך מיין:

*"אין קלויז איז ליכטיק, שלעפעריק און הייס,*
*אַ ריח ווי פון קינדערישע ווינדעלעך - אַ פייכטער,*
*מישט זיך אויס מיט זויערקייט און שווייס,*
*געדיכטער שטויב פאַרוואָלקנט די צעבליצטע לייכטער,*
*צעשפּריצט דאָס גאָלד אויף דעם פּרוכת,*
*פאַרדבקעטע געשטאַלטן איבער שטענדערייען,*
*הייזעריק אַרויסגעשלאָגן פון די כוחות,*
*פאַרגייען אין געשרייען".*

און ווער ווייסט? אפשר איז עס גאָר דאָס געזעץ פון קאָנטראַסטן וואָס באַשאַפן עפּעס נייעס, אַ נייע קוואַליטעט. זעט דאָך דער דיכטער ווי דאָרט ווו "עס מישט זיך די זויערקייט און שווייס... פאַרוואָלקנט אַ געדיכטער שטויב די צעבליצטע לייכטערס (און) צעשפּריצט דאָס גאָלד אויף די פּרוכת". זויערקייט, שווייס, אַ ריח פון ווינדעלעך און... גאָלד אויף דעם פּרוכת. גאָלדענע הערצער, גאָלדענע נשמות אויפן פאָן פון אָרעמקייט און נויט - אָט וואָס דער דיכטער ווייזט אונדז אין זיין פּאָעמע.

די פּאָעמע איז פול מיט פאַרשיידנאַרטיקע געשטאַלטן, מיט דראַמאַטישער אַנלאָדונג, שפּאַנונג און שאַרפן דיאַלאָג, און איבער אַלעם הייבט זיך אַרויס גראַדעס בילדלעכקייט. די פּאָעמע "מוסרניקעס" איז אָן שום ספק געווען דער ווינקלשטיין פאַר גראַדעס שפּעטערדיקע גרויסע פּראָזע־ווערק, ווייל אין איר,

אין אָט דער פּאָעמע, האָט ער זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן נישט נאָר ווי אַ טיפער לירקער, נאָר אויך ווי אַן עפּיקער, אַ מאָלער פון ברייטע לייוונטן און אַ שאַפער פון אומפאַרגעסלעכע כאַראַקטערן.

אַזעלכע זענען, למשל, כלאַוונע און דער אָסטראָוואָליער, שוין אָפּגערעדט פון אים אַליין, דעם דיכטער און העלד פון דער פּאָעמע, וועלכער טרעט דאָ אַרויס ווי חיים ווילנער. דער יונגער כלאַוונע און דער עלטערער אָסטראָוואָליער ווינען צוזאַמען אין איין צימערל, און ביידע זענען פאַרליבט אין דעם ראש־ישיבות בת־יחידה. זיי זענען געלאַדן צום ראש־ישיבה אויף שבת, נאָר כלאַוונע קאָן נישט גיין אַהינצו, ווייל... זיינע צעריסענע שיך זענען ביים שוסטער. ווייל דער אָסטראָוואָליער זיך מקריב זיין און אָפּגעבן אים זיינע שיך, אָבער יענער וויל נישט נעמען. דעמאָלט טוט אויס דער אָסטראָוואָליער זיינע שיך, בייגט זיך אַראָפּ מיט ציטערדיקע קני צום דיל און מעסט אָן די שיך אויפן יינגלס פיס. לסוף נעמט כלאַוונע די שיך, דער אָסטראָוואָליער בלייבט זיצן אַ באָרוועסער אין דער היים און רופט אויס: "ער האָט גענומען!" און איר ווייסט נישט צי איז עס פון צופרידנקייט, אָדער באַדויער. אויפן וועג צום ראש־ישיבות הויז מעדיטירט כלאַוונע:

*"שווער איז מיר געווען די שיך צו נעמען, שווער,*
*נעם איך ניט - וואָלט איך אים שטאַרק געקרענקט,*
*איך האָב געטאָן פאַר אים פיל מער,*
*ווי ער פאַר מיר -*
*האָט כלאַוונע ענדלעך זיך באַדענקט*
*און געעפנט אַ באַרויקטער דעם ראש־ישיבות טיר".*

אַזעלכע סצענעס זענען פאַראַן אַ סך אין דער פּאָעמע, און זיי באַווייזן נישט בלויז גראַדעס גרויסקייט ווי אַ מאָלער פון דראַמאַטישע סצענעס און כאַראַקטערן, נאָר זיי באַווייזן אויך דעם דיכטער ווי אַ טיפן קענער פון די דינסטע ניואַנסן אין דער מענטשלעכער פּסיכיק.

ביים סוף פון דער פּאָעמע, וואָס איז געהאַלטן אין ביז גאָר רעאַליסטישע טענער, גייט איבער דער דיכטער צו סימבאָלישע בילדער, וואָס איז נישט געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר זיין דעמאָלטיקן שאַפן. חיים גראַדע איז נישט קיין סימבאָליסט, ער איז אַ וויזיאָנער, אָבער זיינע וויזיעס קומען אַרויס פון אַ רעאַלן באָדן און פון דעם אינערלעכן פייער וואָס ברענט אין זיין וואָרט און בילד. נאָר ווייזט אויס, אַז דאָ איז אים נייטיק געווען די סימבאָליק, כדי באַווייזן, אומדירעקט, דעם פונאַנדערפאַל פון דער אַלטער וועלט אין וועלכער ער האָט פריער געהויזט, און זיין פיינפולן אַוועקגיין, מיט אומזיכערע טריט, צו אַ נייער וועלט. אָבער צי איז עסווירקלעך געווען אַן אַוועקגיין? ניין! ער וועט זיך צו אָט דער וועלט שפּעטער צוריקקערן אין זיין דמיון, אין זיין וויזיע, צוריקקערן מיט פיין און ווייטיק, ווען די דאָזיקע וועלט וועט שוין מער נישט זיין. און זי וועט ווערן זיין אָבסעסיע, און ער וועט מער נישט קאָנען זיך אָפּרייסן פון איר, פּרווונדיק ווידער און ווידער אַ מאָל זי פאַרייביקן אין זיינע ווערק, אין זיין פּראָזע, אין זיינע לידער און פּאָעמעס.

דאָס לעצטע קאַפּיטל פון דער פּאָעמע הייסט: "דער ארון־קודש פאַלט".

צוזאַמען מיטן ארון־קודש פֿאַלט די אַלטע וועלט און חיים ווילנער ווײַל זי אונטערהאַלטן, נאָר פּלוצעם רײַסט זי זיך אָפּ פֿון באָדן און פֿליט אין די הימלען, און אונדזער העלד בלײַבט ליגן אויפֿן דיל, ווי אַ "פֿאַרוווּנדעטער אין אַן אָקאָפּ".

"...דער ארון־קודש האָט זיך אויפֿגעהויבן העכער, העכער,
אַ פֿאַרקלאַמערטער אין הענט.
חיים ווילנער האָט זיך מיט די צײן און נעגל אײַנגעביסן.
עס האָבן דורכגעשווינדלט פֿאַרבײַ אים די ווענט,
אַוועקגעשטורעמט, ווי פֿאַרמשפּטע טיטאַנען אויפֿן גילאָטינע־וואָגן
פֿון ווײַטן האָט נאָך זײַער דונער זיך דערטראָגן:
אבינו מלכנו... טו דײַן גײַסט, דײַן הייליקן פֿון אונדז ניט אָפּ...
דער דונער האָט זיך טויב אַלץ מער און מער דערווײַטערט,
און חיים ווילנער איז געבליבן – אַ פֿאַרוווּנדעטער אין אַן אָקאָפּ,
אַ בלינדער אין אַ נאַכט־וואַלד בײַ אַן אויסגעברענטן שײַטער".

בײַ אַן אויסגעברענטן שײַטער... אפֿשר האָט ער דעמאָלט נישט געוווּסט, חיים גראַדע, אַז דער שײַטער וועט זיך ווידער צעצינדן און ברענען אַרום אים, און ברענען אין אים, און אויסברענען, אויסשמידן זײַנע וווּנדערלעכע ווערק.

* * *

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט ברייטער אויפֿן אָנהייב־וועג פֿון גראַדעס פּאָעטישן שאַפֿן, ווײַל דאָס גיט אונדז דעם שליסל צו זײַן ווײַטערדיקן אומאויפֿהערלעכן גײַן באַרג־אַרויף. עס איז געקומען די קאַטאַסטראָפֿע, וועלכע ער האָט פֿאָרויסגעזען, גראַדע, און ווי טויזנטער פּליטים, וועלכע זענען אַנטלאָפֿן פֿון ברוינעם היישעריק, וואָס האָט זיך פֿאַרשפּרייט איבער אייראָפּע, האָט ער זיך געפֿונען אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, געווען אין מיטל־אַזיע און באַזונגען די מעכטיקע פּאַמיר־בערג, און געוויינט אויפֿן חורבן פֿון זײַן אַלטער היים, פֿון זײַן ווילנע, פֿון זײַן יידישן פּוילן, און געזונגען, פּונקט ווי די סאָוועטיש־יידישע דיכטערס, וועגן דער העלדישקייט פֿון דער רויטער אַרמיי, וואָס האָט זיך געראַנגלט מיטן בלוטיקן שונא; באַגעגנט זיך שפּעטער, אין מאָסקווע, מיט מאַרקישן, בערגעלסאָנען, קוויטקאָן, קושניראָוון א"אַ סאָוועטיש־יידישע שרײַבערס. עס האָט זיך פֿאַרבונדן אַ פֿרײַנדשאַפֿט, אַ טיפֿע פֿרײַנדשאַפֿט, פֿון וועלכער עס וועט שפּעטער אויפֿקומען די רירנדיקע פּאָעמע זײַנע – "איך וויין אויף אײַך מיט אַלע אותיות פֿונעם אַלף־בית". צום אונטערשייד פֿון דער מערהייט באַוויינער פֿון די סטאַלין־קרבנות, וועט חיים גראַדע שרײַבן:

ניט מחמת אײַער טויט האָב איך אויף אײַך געפֿונען זכותים;
בײַ אײַער לעבן נאָך, אין לאַנד פֿון רחבותדיקן דוס
האָב איך געוווּסט, אַז אין דער טיף פֿון האַרץ זײַט איר אַנוסים".

ער וואָלט נישט געווען קיין פּאָעט, חיים גראַדע, ער וואָלט נישט געווען **דער** פּאָעט, ווען מיר זאָלן נישט געפֿינען בײַ אים, אין שפּעטערדיקן פֿעריאָד, וווּנדערלעכע, ברענענדיקע, ווי אַלץ האָט געברענט אונטער זײַן פֿען, ליבע־לידער, אויף וועלכע עס איז שוין געווען אַן אָנזאָג זײַן ליד אין דער ערשטלינג־זאַמלונג

"יאָ". ממש שיר־השירימדיק קלינגען דאָרט די שורות זיינע; "האַרבסט. / דו ביסט אויך אַ האַרבסט אַ קראַנקער – / אַ קראַנקער חלום אויף דער וואָר; / דו ביסט אויך אַ בוים אַ שלאַנקער, / ווי בלעטער ציטערן אויף דיר די קליידער' / און גיט מיין האַרץ דיך נאָר אַ רוף, שפּרינגען דיינע בריסט ווי פייגל אויף".

נישט שטענדיק זענען, אָבער, זיינע ליבע־לידער אַזוי אידיליש, שיר־השירימדיק. אָפט מאָל גייט די ליידנשאַפט איבער אין פאַרביטערונג, אָבער שטענדיק זענען זיי אָנגעלאָדן מיט יענער בילדלעכקייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר חיים גראַדען. און אפשר פאַר אַלע, אָדער כמעט אַלע, דיכטערס, וואָס זענען אַרויסגעקומען פון דער גרופּע יונג־ווילנע.

ער ווענט זיך, נאַטירלעך, אומקערן, ווי שוין דערמאָנט, צו זיין מאַמן, און מאָלן זי אין אומצאָליקע בילדער און וואַריאַנטן, און פאַרפּאָלגן ווערן אים אויף אייביק די שאָטנס פון זיינע אומגעקומענע ברידערס און שוועסטערס – די "געהיימע געסט", וואָס קומען צו אים אין חלום און אויף דער וואָר, און מאָנען אַ תיקון. טאַקע אינעם ליד אונטער דעם אויבן דערמאָנטן נאָמען "געהיימע געסט", שרייבט גראַדע:

*אָ, מיינע געסט, אָן לייב, אָן אויגן, אָן געשטאַלטן,*
*פאַרוואַנדלט האָט זיך אייער רויך און אַש און שטויב*
*אין בלויער דעמערונג, אין טאָג־ליכט אין צעשטראַלטן.*
*אין רעגן־טראָפּנס און אין טוי, וואָס וואַשט מיין שויב.*

*איר זייט אַ פאַרבן־שפּיל, וואָס לעבט און שטאַרבט אָן ווייטאָג*
*און ברענט אין מיר, ווי אין אַ וואַסער ברענט אַ שטראַל.*
*איר זייט דאָס גאָלד פון שפּעט־זומער אין מיטן שניי־טאָג,*
*און פרילינג אייביק גרין אין רויטן בלעטער־פאַל".*

איר לייענט דאָס דאָזיקע ליד און ווייסט נישט וואָס פריער צו באַוווּנדערן: די טיפע געפילן־וועלט פונעם דיכטער, וועלכער האָט שוין אויסגעוויינט אַלע טרערן און צוזאַמען מיט די טרערן האָט זיך דער רויך און אַש פון זיינע טויטע געסט אין בלויער דעמערונג פאַרוואַנדלט; אָדער די אָנהויפּונג פון בילדער, וואָס מאַכן בולטער די צענטראַלע אידעע פונעם ליד – אַז די טויטע לעבן אין אונדז... און גלייכצייטיק קומט אויף די פראַגע, וואָס עקבערט די אינטעלעקטועלע וועלט פון זינט דעם סוף פון דער צווייטער וועלט־מלחמה – צי פּאָרט זיך טויט, אומקום, חורבן, מיט שיינקייט, מיט "בלויער דעמערונג, און "גאָלד פון שפּעט־זומער אין מיטן שניי־טאָג"? און ס'איז שווער דערויף צו ענטפערן. אין טעאָריע איז דער ענטפער אַ פּשוטער – ניין! אָבער אין דער פּראַקטיק פון זיין "וואַרשטאַט" גיט יעדער שאַפער דערויף זיין אייגענעם ענטפער דורך זיין יצירה. און מיר נעמען אים אויף לויט איר ווירקונג. חיים גראַדע ווירקט אויף אונדז מיט זיין בילד, מיט זיין וואָרט, מער נאָך, ער באַוועלטיקט אונדז, באַהערשט אונדז אין גאַנצן מיט זיין ליידנשאַפט און פייער, און דעריבער פאַלן דאָ אָפּ אַלע חקירות. איבעריקנס, פּאָעזיע איז דאָך די שיינקייט אַליין, די האַרמאָניע פון וואָרט און בילד און ריטעם. און אָט די שיינקייט און האַרמאָניע איז שטאַרקער פון טויט, און אָן איר

וואָלט אַ סך שווערער געווען פאַר די לעבעדיקע צו לעבן. ווי זאָגט איינער פון די העלדן אין גראַדעס פּאָעמע "מוסרניקעס": "שווער איז שטאַרבן פאַר אַ תורה; שווערער פיל פאַר איר צו לעבן".

סוף זעכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט האָט גראַדע באַזוכט מדינת ישׂראל און פון יענעם באַזוך איז אויפגעקומען זיין בוך לידער און פּאָעמעס א"נ "אויף מיין וועג צו דיר". איז עס איין גרויסער געזאַנג פון אַן אויסגעבענקט האַרץ, וואָס קערט זיך אום צו זיין מוטער־שויס; עס איז אַן אָדע צו ישׂראל, אַן אָדע צו ירושלים, וואָס איז די מוטער פון "איר טאָכטער ווילנע", וואָס לעבט נישט מער. אָבער חיים גראַדע האָט דאָרט נישט געקאָנט פאַרבלייבן, און ער זינגט אויס זיין פאַרענטפערונג אינעם ליד "דער אויסגעבערענטער דאָרן":

*"האָב איך נישט געוואָלט צווישן לייבלעכע ברידער*
*אַרומגיין און זינגען אַ טרויעק־פרעמדער*
*עס זאָלן דאָרט שטיף־קינדער זיין מיינע לידער,*
*יתומים, וואָס טראָגן געשאָנקענע העמדער...*

*האָב איך אויפן אַנדער זייט ים אויסגעוואָגלט,*
*אין לאַנד וואָס האָט זאַפטן פאַר אַלע סאָרט ביימער.*
*נאָר איך קען בלויז טרינקען פון אייגענעם לאָגל*
*און נישט קיין פרעמד וואַסער... האָב איך ניט קיין היים מער.*

*מיין גוף בענקט נאָך רו און מיין האַרץ נאָך די יאָרן*
*ווען ס'האָט מיר דער ווינט פון די וועגן געדראָשן,*
*מיין ליד האָט געברענט ווי אין מדבר דער דאָרן*
*און האָט מיט זיין פייער באַפרוכפּערט מיין לשון".*

חיים גראַדע איז שוין מער נישטאָ, שוין פאַרביי אַ פערטל "יאָרהונדערט ווי ער איז אַוועק פון אונדז, אָבער דאָס הייליקע פייער וואָס ער האָט אָנגעצונדן אין זיין ליד הערט נישט אויף ברענען און עס וועט קיין מאָל נישט פאַרלאָשן ווערן!

# צום 55סטן יאָרצייט נאָך דעם מאָרד פון די סאָוועטיש־יידישע שרייבערס און קולטור־טוערס

"ווי די זיידעס פלעגן זאָגן תהילים שטילערהייט
לאָמיר זאָגן אַ קאַפּיטל קולבאַק, אַ קאַפּיטל כאַריק".

**משה שולשטיין**

## דוד האָפשטיין

* * *

פאַר שטאַרקע, פאַר פעסטע צעמענטן,
באַדאַרף מען וואָס דינערע שטויבן -
כ'האָב געהאַט אַ ברכה אויף שווענדן,
איך האָב אַ ברכה אויף קלויבן...

איר ווערטער, איר יידישע ווערטער
פון עקן פון גאָר דער ערד,
דאָס פאָכן פון שטייגנדע הערצער
דורך אייך האָב איך דערהערט.

ס'האָט קיינער נאָך דאָ ניט געמאָסטן
די מעכטיקע כוחות פון צווישן.
שוין שטויבן מיט בלוטן באַגאָסן
און וואַרטן, און וואַרטן אויף מישן.

איר ווערטער ווייכע און צאַרטע,
ווערט שוין קלאָר און פראָסט...
פון שטאָל פון דמשק די האַרטקייט!
די שטייפקייט פון רוסישן פראָסט!

ווי נעמען פון טייערע היימען
זאָלן קלינגען די אַלטע וווהינען,
ס'זאָלן רופן די טורעמס, די זאַמדן, די ליימען,
ווי פאַנען זאָלן רופן רוינען.

ס'האָט קיינער נאָך דאָ ניט געמאָסטן
די מעכטיקע כוחות פון צווישן.
שוין שטויבן מיט בלוטן באַגאָסן
און וואַרטן, און וואַרטן אויף מישן.

פרץ מאַרקיש

## ווידערשפעניקונג

ניין, ניין, - ס'איז ניט געווען פון גורל קיין באַצוווּנג,
אַן אוסוואַל ס'איז געווען דורכויס אַ פרייער,
דאָס, וואָס צו פייער צוגערירט האָט זיך צוערשט דיין צונג,
צו גאָלד - נאָכהער, נאָך אין דעם חושך פון מצרים!

צו פייער האָט געפירט דיין אומרויק געמיט
ביים טראָגן זאַמד און שטיין פאַר פּיראַמידן,
אַז זאָלסט, אין קייטן זייענדיק געשמידט,
אַ שווערד אויף ווידערשפעניקן זיך קענען שמידן.

און ביסט דערפאַר געבענטשט געווען מיט דעם,
וואָס דאָס געשליפן שטיינדל פון דיין פאַסטעך
האָט, אונטערשניידנדיק דעם גליתדיקן דעמב,
אין דעם באַגינען זינגעוודיק אַריינגעפּאַסט זיך.

משה קולבאַק

## אייביק, אייביק...

אייביק, אייביק וועבן זיך די קלאַנגען און די פאַרבן
אין אַ געזאַנג פון ווערן און ניט ווערן,
און אייביק לייכטן צו די קאַלטע שטערן...

ווו ס'איז נאָר אַ מאָל אַ מענטש געשטאַנען,
וואַלגערט זיך אין שטויב אַרום אַ שאַרבן -
די געטער שטאַרבן ניט, און מענטשן שטאַרבן!

אַן אָטעם הייבט זיך אויפעט צו די הימלען
און אויף די שטערן ווערט ער אויסגעגאַנגען,
און אייביק וועבן זיך די פאַרבן און די קלאַנגען...

עס איז אַ שמייכל שטיל די וועלט אַריבער
אין טאָג פון דעם געבוירן -
צעפינקלט האָט זיך ערד און הימל אין אַ חלום פון קאָלירן...

אייביק, אייביק וועבן זיך די קלאַנגען און די פאַרבן
אין אַ געזאַנג פון ווערן און ניט ווערן,
און אייביק לייכטן צו די קאַלטע שטערן...

פרץ מאַרקיש

## ווידערשפּעניקונג

ניין, ניין, - ס'איז ניט געווען פון גורל קיין באַצוונג,
אַן אוסוואַל ס'איז געווען דורכויס אַ פּרייער,
דאָס, וואָס צו פייער צוגערירט האָט זיך צוערשט דיין צונג,
צו גאָלד - נאָכהער, נאָך אין דעם חושך פון מצרים!

צו פייער האָט געפירט דיין אומרויק געמיט
ביים טראָגן זאַמד און שטיין פאַר פּיראַמידן,
אַז זאָלסט, אין קייטן זייענדיק געשמידט,
אַ שווערד אויף ווידערשפּעניקן זיך קענען שמידן.

און ביסט דערפאַר געבענטשט געווען מיט דעם,
וואָס דאָס געשליפן שטיינדל פון דיין פאַסטעך
האָט, אונטערשניידנדיק דעם גליתדיקן דעמב,
אין דעם באַגינען זינגעוודיק אַריינגעפּאַסט זיך.

משה קולבאַק

## אייביק, אייביק...

אייביק, אייביק וועבן זיך די קלאַנגען און די פאַרבן
אין אַ געזאַנג פון ווערן און ניט ווערן,
און אייביק לייכטן צו די קאַלטע שטערן...

ווו ס'איז נאָר אַ מאָל אַ מענטש געשטאַנען,
וואַלגערט זיך אין שטויב אַרום אַ שאַרבן -
די געטער שטאַרבן ניט, און מענטשן שטאַרבן!

אַן אָטעם הייבט זיך אויפעט צו די הימלען
און אויף די שטערן ווערט ער אויסגעגאַנגען,
און אייביק וועבן זיך די פאַרבן און די קלאַנגען...

עס איז אַ שמייכל שטיל די וועלט אַריבער
אין טאָג פון דעם געבוירן -
צעפינקלט האָט זיך ערד און הימל אין אַ חלום פון קאָלירן...

אייביק, אייביק וועבן זיך די קלאַנגען און די פאַרבן
אין אַ געזאַנג פון ווערן און ניט ווערן,
און אייביק לייכטן צו די קאַלטע שטערן...

שמואל האַלקין

## אונדזער גורל

און דאָס איז דער גורל פֿאַר אַלעמען אונדז:
אַז אויב נאָר דו לעבסט, מוזט באַווייזן אַ קונץ -
אַריבערן אָפּגרונט פֿאַרוואַרפֿן אַ שטריק
און גיין אויפֿן שטריק, ווי אויף אײַזערנער בריק.
און נאָר ווען צוריק פֿונעם אָפּגרונט זיך שלעפּסט,
נאָר דעמאָלט מע טרויט דיר, מע גלייבט, אַז דו לעבסט.
און דאָס איז דער אומגליק, און דאָס איז דאָס גליק,
וואָס ס'ציט אונדז פֿון אָפּגרונט צוריק אויפֿן בריק.

איציק פֿעפֿער

## אין די העלע ווינקלען

אין די העלע ווינקלען פֿון מײַן זומער־צימער
וואַרעמט זיך אַ שטילער גרויער האַרבסטן־דרעמל.
ליגט אַ פּייכטע זון נאָך
ווײַט אויף טראָטואַרן.
כ'וועל מײַן פֿענצטער שליסן,
און די טיר פֿאַרשפּאַרן.
דרויסן שמעקט מיט היי שוין און מיט גרויע טעג,
און דער קרומער זומער הינקט אַוועק פּאַמעלעך.
הינקט אַוועק פּאַמעלעך
אין זײַן זומער־וועג.

ערגעץ פֿוילן פֿעלדער נאַקעט און פֿאַרטרויערט,
און דער הימל שפּרייט זיך אויף די דעכער געל.
דעכער. ביימער. וועגן.
זון און שטויב און רעגן.
בלעטער פֿליען ערגעץ אין אַ גאָלדשרעק,
און דער קרומער זומער הינקט אַוועק פּאַמעלעך.
הינקט אַוועק פּאַמעלעך,
אין זײַן זומערוועג.

אהרן קושניראָוו

## איך

...ווער בין איך, וואָס בין איך און וועמעס,
אויב ניט וועלטס און ניט מענטשהייטס אַ קינד...
צי בין איך ניט די פּאַסנדסטע טעמע
פאַר דער ליד, וואָס איך שאַף אַצינד...

כ׳בין פאַרגראָבן מיט מי און עלטער,
אין מאָרגן מיט שטרעבן פאַרוואָרצלט,
נאָר הייַנטיקער טאָג געוועלטיקט
אויף מיר, דעם גרויסן און שטאָלצן.

וואָס בין איך, ווער בין איך און וועמעס,
ווען היינטיקער טאָג איז דער שטאַרקער.
איך וואַרף אייך אין פּנים דעם אמת,
אַז איך בין אַ קעסטקינד פון מאַרקן.

איר ווייסט דען, וואָס הייסט זיך רייבן
ביי טירן פון וועלטישע קראָמען
און שטענדיק, און שטענדיק פאַרבלייבן
מיט ליידיקן זאַק פון נשמה.

לייב קוויטקאָ

## דו וואָס גייסט מיר נאָך...

דו, וואָס גייסט מיר נאָך פוסטריט;
וואָס געדענקסט מיך,
ווען איך פאַרגעס זיך;
וואָס היטסט מיט אייביק־בליקן
מיין צעשטראָמט לעבן;
דו, וואָס געדענקסט מיין טאַטן
און וואַרטסט אויף מיין קינד -
דו אייביקער פאַרבאָרגענער פריינד!
באַוויליק מיין באַגער:
ניט וויז מיר מיינע אָפּגעלעבטע לעבנס...
אַלע מאָל איז טאָג געוואָרן -
בין איך שוואַך...

פריינד!
פון אָדמען ביז היינט
האָב איך נאָך אַלץ איין קאָפּ, איין האַרץ,
פון אָדמען ביז היינט
נאָך אַלץ אַ טונקעלע,
אַ טונקעלע נשמה
און אַלע מאָל איז טאָג געוואָרן -
בין איך שוואַך.
פאַרשטעל פון מיר מיין אָפּגעלעבטן טאָוול
צו גרויסער שוואַרצער וואַנט -פאַרגעסנהייט.

## איזי כאַריק

* * *

ס'איז יעדערן געגעבן פול און פיל
און יעדערן נאָך קראַפט פון אייגן גלויבן.
ווער עס קען, - זאָל ווייגען אין דער שטיל.
ווער עס האָט אַ שווייגנדיקן דיל,
און איך - אַ האַרץ מיט זומערדיקע שויבן...

זאָל קיינער איצט ניט וואַגן אויסלעשן מיין פרייד,
ווען ס'האָט אַ פרייד באַזעצט זיך אין מיין האַרצן;
זאָל קיינער איצט ניט וואַגן אויסלעשן מיין פרייד
מיט ווערטער האַרבסטיקע און שוואַרצע.

ניין. - איך וויל ניט. ניין, - איך וויל ניט. ניין און ניין!
בעסער נעמט צעזעצט מיך אָן אַ שטיין,
איידער אויסזעצן די שויבן פון מיין האַרצן...

אַז ערד, - דו הערסט, איך וועל אויף דיר אַרומשפּאַנען אַ יונגער,
ווען ס'וועט אין קאָפּ אַפילו ווייסן זיך דער שניי.
אַז ערד, - דו הערסט, איך וועל אויף דיר אַרומשפּאַנען אַ יונגער,
ביז מיין לעצט פאַרבלוטיקטן און האַרציקן געשריי...

# "דורך פאַררייכערטע שייבלעך"

## אַ ניי בוך פון אַלכסנדר שפּיגלבלאַט

„אַנטקעגן דעם אין־סוף פון פאַרגעסעניש, זענען דערמאָנונגען במילא אַ פּינטעלע, די גרייס פון אַ חיריקל אין אַ קליין סידורל" - שרייבט אַלכסנדר שפּיגלבלאַט אין זיין נייעם בוך א"נ „דורך פאַררייכערטע שייבלעך", וואָס איז אַרויס היינטיקס יאָר אינעם ה. לייוויק־פאַרלאַג אין תל־אביב. איז אוודאי גוט געשען וואָס ער, דער שרייבער־פּאָעט. מחבר פון אַ צאָל וואָגיקע ווערק, האָט דאָס דאָזיקע „פּינטעלע" אַרויסגעריסן פונעם „אין־סוף פון פאַרגעסעניש", און אונטער זיין קינסטלערישער פּען איז עס אויסגעוואַקסן צו אַ ליכטיקן שטערן, וואָס באַלייכט אַ גאַנצע עפּאָכע אינעם יידישן קולטור־לעבן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט.

דורך שפּיגלבלאַטס „פאַרריכערטע שייבלעך" קוקן מיר אויף דער פאַרגאַנגענהייט ווי אויף דעם פענאָמען פון אַ ליקוי־חמה, וואָס בלויז אַזוי אַרום קאָן מען אים דערזען בולטער, ווי מיטן הוילן אויג. נאָר אויב די ליקוי־חמה פאַרשווינדט זייער גיך און ווערט פאַרגעסן, בלייבן די בילדער, וועלכע דער קינסטלער אַ. שפּיגלבלאַט האָט געמאָלן אין זיין בוך מיט אַלע פאַרבן פונעם רעגנבויגן, פאַרקריצט טיף אין זכרון און לאָזן זיך נישט פאַרמעקן.

דער שרייבער פירט אונדז פון זיין היימשטאָט קימפּעלינג אין דער בוקאָווינע, ווו צווישן די קונדסישע שטיפערייען ביים ביסטריצע־טייך און אין די אַרומיקע וועלדער, זענען אויפגעקומען ביי אים די ערשטע שפּראָצן פון „לידוואַרג", דורך זיינע רייף־ווערנדיקע יאָרן אינעם דעמאָלטיק יידישן קולטור־צענטער טשערנאָוויץ, און שפּעטער אין דער רומענישער הויפּטשטאָט בוקאַרעשט, ווו ער אַרבעט ווי אַ זשורנאַליס אין דער יידישער צייטשריפט „איקוף־בלעטער", שטודירט אויפן אָרטיקן אוניווערסיטעט, ווערט אַליין אַ לעקטאָר און שפּעטער אַ „פאַרשריבענער" (רעפּיוזניק), באַזייטיקט פון דער אַרבעט און האַלט זיך אויף פון לערנען עברית מיט אַזעלכע ווי ער „פאַרשריבענע", וועלכע גרייטן זיך עולה צו זיין.

לסוף פירט אונדז דער מחבר אַריין אין דער ישראלדיקער יידיש־וועלט, ווו ער האָט אין משך פון אַ פערטל יאָרהונדערט צוזאַמענגעאַרבעט מיט אברהם סוצקעווערן אינעם זשורנאַל „די גאָלדענע קייט", ווו ער איז געווען רעדאַקציע־סעקרעטאַר. דאָס לעצטע קאַפּיטל אינעם בוך איז טאַקע געווידמעט דער „גאָלדענע קייט", אונטער דעם זעלבן נאָמען, און איז אַ מין סך־הכל פון אַ שאַפעריש לעבן און גלייכצייטיק אַ לויב־געזאַנג פאַר דעם גרויסן יידישן דיכטער אברהם סוצקעווער, וועלכן דער מחבר האָט געהאַט דעם זכות צו דערקענען פון דער נאָענט ביי דער אַרבעט, אין זיין שטוב און אין קאַפע־הויז.

דורך אַלכסנדר שפּיגלבלאַטס „פאַררייכערטע שייבלעך" דערזען מיר בולטער אַ גאַנצע גאַלעריע געשטאַלטן פון דער רומענישער, און נישט נאָר רומענישער, יידישער קולטור־סביבה, און זיינע היסטאָריש־ליטעראַרישע און פילאָסאָפישע דיגרעסיעס באַרייכערן די שילדערונגען, וואָס זענען פאַרהילט אין אַ פּאָעטישן שלייער.

ווייטער ברענגען מיר אַ פראַגמענט פונעם ערשטן קאַפּיטל פון שפּיגלבלאַטס בוך, מיט וועלכן מיר ווילן באַקענען אונדזערע לייענער.

אלכסנדר שפּיגלבלאַט

## ווען דער בעז האָט געבליט

אין זיין בוך "אַ שאָט מיט יידן" דערציילט שלמה ביקל וועגן זיינעם אַ לאַנדסמאַן (זוסמאַן שפּינדל האָט ער געהייסן), וואָס ער האָט אים באַגעגנט אין טשערנאָוויצער גימנאַזיע, ווו ער, ביקל, האָט אַ קורצע צייט געקנעלט ווי אַ העברעישער לערער בשעת ער איז געווען אַ סטודענט. אין משך פון צוויי יאָרצענדליקער האָט ר' זוסמאַן ניט אויפגעהערט צו בענקען נאָך זיין גאַליצישער היימשטאָט, נאָר כאָטש זי איז געלעגן ניט מער ווי צוויי שעה מיט דער באַן פון טשערנאָוויצער וואָקזאַל, איז ער קיין מאָל אַהין ניט געפאָרן.

– פאַר וואָס, ר' זוסמאַן? (האָט אים שלמה ביקל געפרעגט).

– ווייל איך האָב מיר נישט געוואָלט קאַליע מאַכן די בענקשאַפט (האָט אים יענער געענטפערט).

אין משך פון מער ווי פיר יאָרצענדליקער, האָב איך טאַקע ניט אויפגעהערט צו בענקען נאָך מיין בוקאָווינער היימשטאָט, אָבער זיך אַ ווײלע אומקערן אַהין, ווו דער מאַמעס פלידער האָט געבליט אונטערן פענצטער, בין איך ניט מסוגל. דאָס וואָלט מיר ניט בלויז קאַליע געמיכט די בענקשאַפט, נאָר מיך ביז ייאוש אויפגעטרייסלט.

די Heimkehr האָט אונדז ניט דערפירט צו קיין מקום־מנוחה, ווי מיר האָבן געחלומט אין די פינצטערע יאָרן פון גירוש. מען האָט אונדז אין גיכן געגעבן אָנצוהערן, אַז מיר זענען ניט קיין מיוחסים, מען קאָן זיך יאָקאָש באַגיין אָן יידן.

איז די ק"ק קימפּעלינג טאַקע אַלץ שיטערער געוואָרן, און נאָך קנאַפּע צוויי יאָרצענדליקער אין גאַנצן אויסגעגאַנגען, איבערלאָזנדיק די פאַריחומטע שילן און דעם געפּאַקטן בית־עלמין, וואָס האָט געוואַרט אויף די עטלעכע פאַרבליבענע זקנים, זיי זאָלן קומען צו אייביקער רו.

די צווישנצייט, ווי איך געדענק זי, איז געווען אַ פיבערדיקע און אַ דערווייליקע. די אָפּגעפּונענע היים האָט אָנגעווירן איר באַשטענדיקייט און באַוואָרנטקייט, זי איז מער ניט געווען קיין מקום־מקלט, ווו מען קאָן אַנטלויפן פון די האַוועניש, זיין אָפּגעזונדערט, באַשיצט און באַשירעמט. דער פאַראָבלטער שבט, פון וועלכן דער גירוש האָט אַרויסגעריסן לעבעדיקע אברים, האָט טאַקע געפּרווט פון דאָס ניי זיך באַהעפטן בצרור החיים, צונויפקניפּן דעם איבערגעריסענעם פאָדעם. אַלמנות האָבן זיך געסטאַרעט אַריינצוקריכן אין די שיך פון זייערע אומגעקומענע מענער, און געעפנט די לאָדנס פון זייערע אויסגעפלינדערטע קלייטן, עלנטע אַלמנס האָבן פון דאָס ניי חתונה געהאַט, בייצוקומען די אַליינקייט, אָבער אין תוך איז עס געווען אַ ברכה לבטלה.

די היים האָט טאַקע אָנגעווירן איר חיות, אָבער אין יענע יאָרן איז די יידישע קהילה דווקא צייטווייליק אָנגעוואַקסן מיט צוגעקומענע פליטים פון בעסאַראַביע, פון טשערנאָוויץ און פון פוילן, אַנטלאָפענע פון רוסלינד, מיט דער כוונה זיך צו דערשלאָגן ווייטער קיין מערב.

אין דער צווישנצייט בעת די שליטה פון דער נייער וואָלעכישער ממשלה איז נאָך געווען אַ לויזע, האָט מען זיך פאַרגונען צו פיבערן און טומלען אויף אַן אָרט. עס האָבן זיך געיאַוועט שליחים פון ציוניסטישע באַוועגונגען, און ווערבירט

יונגוואַרג, זיך איינצושפּאַנען אין קאַמף פֿאַר אַ יידישער מדינה אין ארץ־ישראל. היות די שליחים זענען געקומען פֿון לינקס און פֿון רעכטס, יעדער מיט זיין שולחן־ערוך, איז דער פֿאַרמעסט געווען אַ געשפּאַנטער, און אין גיכן זענען אויסגעוואַקסן באַזונדערע קלייזלעך, וואָס האָבן זיך געאַמפּערט צווישן זיך, ווי חסידים וואָס איטלעכער איז גרייט צו גיין אין פֿייער פֿאַר זיין רבין.

אין הילכות־פּאָליטיקע זענען מיר, יונגוואַרג, געווען פּאָלנע עמי־הארצים. אונדזער איינציקע דערפֿאַרונג. איז געווען דער גירוש, און פֿון זיינע נאָכווייען האָט זיך געוואָלט אַנטלויפֿן. די כוונה פֿון רוב איז טאַקע געווען ארץ־ישראל, אָבער, ווי ווייט איך געדענק, האָבן קינדער פֿון מיין חברותא אויך אָנגעשפּאַרט קיין אַמעריקע, קיין אויסטראַליע, אָדער פֿאַרבליבן אין מערב־אייראָפּע, און אַפֿילו אין דייטשלאַנד.

מיין כוונה איז דורכויס געווען ארץ־ישראל, און ניט דווקא מחמת נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, נייערט ווייל דער באַגריף איז אין מיר פֿון קינדווייז אַריינגעדרונגען און זיך אומבאַוווסטזיניק איינגענעסטיקט, אפֿשר צוליב דער בלוי־ווייסער קרן־הקיימת־פּושקע וואָס איז געהאַנגען אין מיין טאַטנס זייגער־מאַכעריי. מיין טאַטע איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ היימישער ציוניסט, און ווען ניט די איבערקערעניש, וואָלט ער זיך מן־הסתם אויסגעלעבט די יאָרן אין דער היים, ווו ער איז געקומען אויף דער וועלט צום סוף פֿון נייַנצעטן יאָרהונדערט.

ס'איז געווען באַלאַנגט אין די שליחים, אונטער וועלכער פֿאָן מען האָט ציוניסטעוועט. איך געדענק דעם רושם וואָס די גלאַוונע שליחים פֿון בית"ר האָבן געמאַכט אויף אונדזער חברותא. זיי האָבן פֿאַרמאָגט אַ מלוכישן שטעל, און גערעדט מיט דער געצאַמטער שטרענגקייט פֿון פֿאַלקאָוניקעס אין ציוויל. זיי האָבן מקפּיד געווען אויף "הדר", ניט געטראָגן קיין צעכראַסטעטע העמד, און ניט געגאַנגען אין קיין צעקנייטשטע הויזן, ווי שליחים פֿון "הנוער הציוני" צי "השומר הצעיר".

ווי אַ יוצא־דופֿן ווילט זיך מיר דערמאָנען דעם נציב פֿון בית"ר אין יענער צייט שלמה שיטנאָוויצער, מיט וועלכן איך האָב זיך ערשט נענטער באַקענט מיט יאָרן שפּעטער, אין תל־אביב, בעת איך האָב אים געהאָלפֿן רעדאַקטירן אַ יזכור־בוך וועגן זיין היימשטאָט כאָטין, בעסראַביע. פֿון אונדזערע היימישע שמועסן, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ער איז גאָר דער שוואָגער פֿון דעם פּועלי־ציון־טוער יצחק שמיד, וואָס איז געווען מיין שכן אין געטאָ־קאָפּייגאָראָד.

קיין בריות אויף פּאָליטיקע זענען טאַקע אין מיין חברותא ניט געווען, אָבער דער בית"ר האָט אויף אונדז אַלעמען געמאַכט אַ רושם, און ס'איז קיין נפֿקא־מינה וואָס איך האַלט עס היינט פֿאַר איינעם פֿון מיינע חטאות־נעורים. במילא זענען מיר אַלע נאָך געווען צעטומלט, און ניט געוווּסט ווו איין און ווו אויס. אין דער אמתן איז אויך גוייש יונגוואַרג נאָך געווען צעטומלט, זיך געשראָקן אַז מען וועט זיי נעמען אויפֿן צימבל פֿאַר זייערע נעכטיקע מעשים, בעת זיי זענען געגאַנגען אין גרינע העמדלעך.

די צעטומלטקייט איז דערגאַנגען צו אַ גראָטעסק, ווען מיר האָבן געמאַכט שותפֿות מיט די פּריש געבאַקענע "פּראָגרעסיסטישע" שקצים. דאָס איז געשען אין 1946, ווען מיר האָבן דורך די נעכט צעקלעפּט איבער דער שטאָט די פּראָקלאַמאַציעס פֿון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי צו די נאָענטע וואַלן (וואָס

זענען במילא געווען בלויז אַן אָנשטעל, אַרויסצווייזן אַ דעמאָקראַטיש חזיר־פיסל־כשר) און זיי, די שקצים, האָבן צעקלעפּט, אַפילו צווישן גויים, אונדזערע רעוויזיאָניסטישע פּראָקלאַמאַציעס צו די וואַלן פאַרן 22סטן ציוניסטישן קאָנגרעס.

די השגות מיינע האָבן זיך אין משך פון די יאָרן געביטן. פון אייניקע האָב איך זיך געלאָזט פירן, פון אַנדערע האָב איך זיך געלאָזט פאַרפירן, אָבער פון זינט יענעם אויפטו אין בית״ר האָב איך זיך אין קיין שום פּאַרטייאישן כּאָמעט מער ניט איינגעשפּאַנט. במילא האָט מען זיך אין גיכן אויסגעטשוכעט, און פון יענעם קוצעניו־מוצעניו איז קיין סימן ניט געבליבן. די איינגעשטעלטע ממשלה האָט דערנאָך אָנגעהויבן רודפן ציוניסטן מכל המינים, סיי רעכטע סיי לינקע, און די מיכשולים אויפן וועג צו אַנטרינען זענען כּסדר אָנגעוואַקסן. איז מיר באַשערט געווען נאָך צו פאַרלעבן דאָרטן כמעט צוויי יאָרצענדליקער, איידער איך בין, שוין אַ באַווייבטער, מיט אַ ניין־יעריק טעכטערל און מיט טאַטע־מאַמע, אין אַ גוטער שעה עולה געווען.

צוריקגעטראַכט, זענען יענע צעטומלטע הפקר־יאָרן ניט געווען קיין ליידיקע. פון זכרון רוקן זיך אַרויס בונטע בילדער, וואָס זאָגן מיר אונטער אַז דער פּאָעט איז טאַקע גערעכט, און "קיין רגע שיינקייט גייט נישט אויף דער ערד פאַרלוירן".

ווילט זיך מיר דערמאָנען אַזאַ שיינע רגע וואָס די צייט האָט זי פון זכרון ניט אויסגעלאָשן, און אין דעם זכות זאָלן די פאַרשוינען וואָס האָבן זי אויסגעשפּילט, און זענען שוין אויפן עולם־האמת, דאָרטן אין גן־עדן, אַן עליה האָבן.

דער גלאַוונער פאַרשוין וואָס האָט די שיינע רגע פונאַנדערגעלאָזט איז צו אונדז געקומען מיט די טשערנאָוויצער פּליטים, וואָס האָבן זיך צייטווייליק באַזעצט אין קימפּעלינג, און גערופן האָט מען אים הערשי, אַ נאָמען פאַרדייטשט פון דעם יידישן "הערשל", און פאַרייִדישט פון דעם לשון־קודשדיקן "צבי". ער איז דעמאָלט געווען אין די צוואַנציקער יאָרן, און האָט זיך מיט זיין שטעל מלכתחילה געוואָרפן אין די אויגן, בפרט אין אַזאַ שטעטל, ווו פרעמדע פּנימער זענען געווייינטלעך אַ חידוש. ער איז בטבע געווען אַ טונקל־הויטיקער, געקריינט מיט אַ גוואַלדאָווניע צעכוואַליעטער שוואַרצער גריווע, וואָס ער האָט אַלע מינוט צעפּוישט מיט די פינגער פון דער לינקער האַנט. פון זיין לענגלעכן, איידלגעצייכנטן פּנים האָבן אַרויסגעפינקלט שפּילעוודיקע שוואַרצאַפּלען, און ווען ער האָט גערעדט האָט ער, בכיוון צי ניט־בכיוון, פאַרצויגן דאָס מויל אין אַ זייט, אין אַ מין נערוועישער העוויה. ער האָט זיך געהאַלטן גראָד ווי אַ דראָנג, און די בגדים זענען אויף אים געלעגן ווי אויסגעגאָסן און נאָר וואָס פון דער נאָדל אַרויס, אָבער בעתן גיין האָט ער ניט ממש אונטערגעהויבן די פיס, נאָר זיי געשאַרט אויף דער ערד אין קורץ־געמאָסטענע טרעטעלעך, ווי ער וואָלט מורא געהאַט די פיס זיינע זאָלן, חלילה, ניט אַרויס פון די זאַוויסעס. וואָלט זיך אָט דער הערשי פאַרלאָזט אַ וואָנצעלע אונטער זיין געטאָקטער נאָז און אַ קורץ פאַרשוירן בערדל אונטער דער אונטערשטער ליפּ, וואָלט מען אים געקאָנט האַלטן פאַר אַ זון פון אַראַבישן אַדל. הערשי האָט געוואָלט מען זאָל וויסן, אַז ער איז אַן אַקטיאָר און אַ פּאָעט. איז ער שעהען־לאַנג געזעסן אין "פאַראיין" ביי אַ גלעזל ווין, די צעשויבערטע גריווע אָנגעשפּאַרט אין דער לינקער דלאָניע, און געשריבן מיט גרויסע אותיות אויף געווירעטע בלעטער פון אַ געלן בלאָקנאָט. עמעצער פון די שטאַמגעסט אין "פאַראיין" האָט זיך גוטמוטיק געוויצלט, און געזאָגט אַז

ער מאַכט מאַנגערישע שטיק.

וועגן זיינע אַקטיאָרישע אויפטוען אין טשערנאָוויץ האָב איך זיך ווינציק דערוווסט, ער האָט אָבער געבראַכט פון דאָרטן אַ פּאַרטיקן רעפּערטואַר פון ליטעראַרישן יידיש־אוצר, און דעם דאָזיקן רעפּערטואַר האָט ער, מיט אַ קענטיקער בריהשאַפט, אָנגעטאָן אויף אונדזער חברותא, און טאַקע אין גערעם פון בית״ר.

קיין אַקטיאָרישע טאַלאַנטן האָבן מיר ניט פאַרמאָגט, אָבער חברה איז געווען זשעדנע אַ הוליע צו טאָן, וויעווען, בריקעווען, ווי לאָשיקלעך איידער מען שפּאַנט זיי אין כאָמעט. מיר האָבן געצאַפּלט אין אַ פאַרצויגענער ערבדיקייט, אויפן שוועל פון אַ פאַרטייעטן אָנפאַנג, וואָס האָט אי געמאַניעט אי געשראָקן.

האָט מען זיך טאַקע פון הערשין אַכאָטנע געלאָזט "רעזשיסירעווען" און די רעפּעטיציעס פאַרן ספּעקטאַקל זענען אין משך פון עטלעכע חדשים געווען אַ פאַרוויילונג און אַ רפואה קעגן די כלערליי פּחדים און ספקות אונדזערע.

דער רעפּערטואַר וואָס הערשי האָט מיט אונדז איינגעחזרט איז באַשטאַנען פון סצעניש בילדער, געבויט אויף לידער און פּראָזע פון יידיש־אוצר. אליעזר שטיינבאַרגס אַ משל איז במילא אַ פאַרטיקע דראַמע בזעיר־אַנפּין, וואָס בעט זיך מען זאָל זי לאָזן זען און הערן.

כדי אויסצושפּילן דעם משל "העמדער", האָט מען טאַקע בלויז געדאַרפט צעהענגען אויף אַ שטריק, צווישן צוויי דרענגלעך, אַ האַלבן טוץ העמדער, און לאָזן די גרימירטע קעפּ, וואָס קוקן אַרויס פון די אויסשניטן, זיך מתווכח זיין. דעם מוסר־השכל פונעם משל האָט געזונגען אַ כאָר, כמעט ווי אין אַן אַנטיקער דראַמע, בזה הלשון:

הענגען העמדער אַף אַ שטריק, / און מע הוידעט זיך,
און מע סודות זיך, / און מע רעדט פון פּאָליטיק.

שטיינבאַרגס משלים האָב איך ערשט באַנומען אַ סך שפּעטער. ווי ווייט איך געדענק, האָט זיך דעמאָלט קיינער פון אונדז אין זיי ניט איבעריק אַריינגעטראַכט. עס איז פאַר אונדז געווען "אַ שפּיל אַזאַ". איך האָב זיך אַפילו דערנאָך געלאָזט איינרעדן פון "מבינים", אַז שטיינבאַרג איז געווען אַ בונטאַר, אַן איבערקערער, שיער ניט אַ באָלשעוויק. ערשט נאָך די איבערבראָכן און גילגולים אין די ווייערדיקע יאָרן, האָב איך דערהערט דעם איראָנישן קלאַנג אין שטיינבאַרגס משלים, און דערזען אין אים דעם ספקן, דעם טיפּן סקעפּטיקער, דעם ביטערן צווייפלער אין תכלית פון די מענטשלעכע רייסעניש און האַוועניש. ער לאָזט די העמדער – אַ מאַנצבילהעמד, אַן אונטערהעמד, אַ מיידלהעמד מיט שפּיצעלעך, אַ העמד אַ זקן – זיך אַמפּערן און קריגן, זיך קלאָגן און זיך בונטעווען, נאָר ער, דער בעל־משלים, ווייס אַז אַלץ איז הבל, קיין תכלית איז אין דעם ניט פאַראַן, ווייל "אַזוי אָ איצט, אַזוי געווען מיט טויזנט יאָר צוריק: / הענגען הענגט מען אויף אַ שטריק, / און מע וואָרפט זיך, און מע רעדט פון פּאָליטיק".

אַ צווייטער "נומער" אין רעפּערטואַר וואָס הערשי האָט מיט אונדז איינגעלערנט איז געווען שטיינבאַרגס משל "פאַרן בית־דין־של־מעלה", אין וועלכן איך האָב אויך ערשט שפּעטער מיט יאָרן אַנטפּלעקט דעם בעל־משלס איראָניע, אַ פאַרטייעטע הינטער דער בולטער סאָציאַלער סאַטירע. די קו האָט דאָרטן אַ לאָדעכץ מיט

שלמה-זלמען, דעם כשרן ייד, סטייטש ער האָט זי געמאָלקן, געלאָזט איר קעלבל הונגערן, און צום סוף עס געפירט צו דער שחיטה. וויל זי גערעכטיקייט, די קו, "דער אמת זאָל לעכערן בערג". לאָזט זי שטיינבאַרג ברענגען אירע טענות, זיך אַראָפּרעדן פון האַרץ, און צו זיך אַליין זאָגט ער מיט אַן איראָנישן שמייכעלע: "גערעכטיקייט וויל זי. אַז דאָ ניט, איז וווּ?"

אויף דער ערד, פאַרן בית־דין־של־מטה, קאָן זי, די געקריוודעטע, ניט קומען מיט אַזאַ לאָדעכץ, וויל זי איצט גערעכטיקייט אין הימל, פאַרן בית־דין־של־מעלה. נאָר דאָ צעלאַכט זיך שטיינבאַרג ממש פון דעם הימלישן פסק, אַז "די בהמה זאָל טראָגן איר שולד... פאַרשאָלטן זאָל זיין זי ביז צענטן געבירט", דערפאַר ווייל זי האָט זיך געלאָזט מעלקן, מיט די הערנער ניט געשטאָכן, מיט די ציינער ניט געביסן, מיט די קאָפּעטעס ניט געדריגעט. מבינים האָבן עס בשעתו געטייטשט ווי "רעוואָלוציאָנערן גייסט" און ניט דערהערט, צי ניט געוואָלט דערהערן שטיינבאַרגס איראָניע, שטיינבאַרגס אַנטשיידנדיקן אַריינפיר צו זיינע משלים:

טרויריק, קינדער, אַף דער וועלט דער ברייטער, גראָמער!
ביטער! מיט אַ משל כאַטש זיך קוויקן לאָמיר.

שטיינבאַרגס ביטערע איראָניע האָט אויך אונדזער רעזשיסאָר ניט דערפילט, נאָר כדי דאָס סצענישע בילד זאָל מאַכן אַ גרעסערן רושם, האָט ער אין אים אַריינגעפלאָכטן אַן איבעריקן הומאָריסטישן פאָדעם, און אַריינגעלייגט אין מויל פון דער קו, ביים אָנהייב און ביים סוף פון אירע טענות, אַן אויסגעצויגענעם, האַרץ־רייסנדיקן מוווּ...

די צרה איז געווען וואָס די מיידעלעך פון דער חברותא האָבן ניט געהאַט קיין חשק צו שפּילן די קו. בלויז קלאַראַ האָט ביזן סוף איינגעוויליקט אַריינצוקריכן אין אָט דער ראָלע. זי איז געווען אַ צאַרטע, אַ קורצזיכטיקע, מיט אַ ביסל אַ געבויגענער פּלייצע, און חברה האָבן זיך ווינציק אויף איר אומגעקוקט. האָט זי מן־הסתם זיך געוואָלט אַ קאַפּעלע אַרויסרוקן.

בעת די רעפּעטיציעס, האָט איר הערשי געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דער "מוווּ" דאַרף זיך באַקומען ווי אַ קלאָג, אַ געוויין, אַ יללה, נאָר קלאַראַ האָט זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן, און דעם "מוווּ" שטענדיק אַרויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער.

– בהמה, טאָמער וועסטו לאַכן אויף דער בינע – האָט זי הערשי געסטראַשעט

– וועל איך דיך וואַרגן. בהמות לאַכן ניט!

עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. אויף דער בינע, פאַר אַ פולן זאַל, האָט קלאַראַ, הינטער אַ מאַסקע מיט הערנער, זיך הילכיק צעלאַכט מיטן "מוווּ" אויף די ליפּן. דאָס פּובליקום האָט, אגב, דערפון שטאַרק הנאה געהאַט, און געגלייבט אַז אַזוי איז די שפּיל.

הערשי האָט אויסגענומען ביי יונגוואַרג, און אונדזער "קן" האָט זיך צוליב אים פאַרוואַנדלט אין אַ קלוב. מען האָט זיך פּאַסמאַקעוועט מיט זיין פאַרשייט לשון, און אַפילו מיט זיינע גראָבע אָנצוהערענישן, וואָס מען וואָלט אַן אַנדערן אַוודאי ניט מוחל געווען. מען איז געווען אַזוי אַריינגעטאָן אין שפּיל, אַז מען האָט פאַרגעסן ווו מען האַלט אין דער וועלט. פון די בית"רישע תקנות איז כמעט קיין זכר ניט געבליבן.

צוליב הערשין האָבן זיך פּלוצעם געיאַוועט אין "קן" פון בית"ר פאַרשוינען,

וואָס האָבן צו שיבֿת־ציון אין גאַנצן קיין שייכות ניט געהאַט. מיר ווילט זיך דערמאָנען אַזאַ פּאַרשוין, וואָס זיין נאָמען איז געווען ברונאָ שוואַרץ. פון זיין קריסטלעכער מאַמען האָט ברונאָ געירשנט שטרוי־געלע האָר, העל־בלאָע אויגן, און אַ צורה פון אַ שוואַבישן שייגעץ. זיין יידישער פּאָטער, אַ דאָקטער, האָט אין 1941 באַוויזן צו אַנטלויפן מיט ווייב און קינדער פון טשערנאָוויץ קיין רוסלאַנד, איידער די דייטשן האָבן פאַרנומען די שטאָט. נאָך דער מלחמה האָט ער זיך אומגעקערט קיין טשערנאָוויץ, פון דאָרטן זיך אַריבערגעפּעקלט קיין רומעניע, און זיך באַזעצט אין אונדזער שטאָט.

קיין יידיש האָט ברונאָ ניט געקענט, און זיין דייטש מאַמע־לשון איז געווען היפּש דורכגעשלאָגן מיט רוסיש. ס'איז שווער געווען צו דערקענען צי ער שפּילט דעם תם, צי ער איז טאַקע אַ תם. חברה האָט אים ליב געקראָגן, ווייל ער האָט געלצעוועט און מיט אַ תמימותדיקן חן דערציילט קאַטאָוועסדיקע מעשיות.

אין דעם סצענישן בילד צוגעשניטן לויט י.ל. פּרצעס מעשה "באָנצע שווייג", האָט אים הערשי מכבד געווען מיט אַ פּסוק. ער האָט בלויז געדאַרפט שטיין אין אַ ווינקל פון דער בינע און זאָגן: "באָנצע שווייג איז נפטר געוואָרן". בעת די פּראָבעס איז אַלץ צוגעגאַנגען גלאַט, נאָר אויף דער בינע, אָנגעטאָן אין אַ ווייסן קיטל, אָנגעשפּאַרט אין אַן אויסגעמאָלענעם וואָלקן פון דער הימל־דעקאָראַציע, האָט ער אויף זיין גוישן יידיש, מיט אַ תמעוואַטן שמייכל אָנגעזאָגט דעם בית־דין־של־מעלה די בשורה, און אויסגערופן:

– ברונאָ שוואַרץ איז נפטר געוואָרן!

אַגבֿ, האָב איך אין דעם דאָזיקן בילד געשפּילט דעם קטיגור, און בין געזעסן ביים לאַנגן טיש פון בית־דין מיט אַ צוגעקלעפּטער ווייסער באָרד און צוגעטשעפּעטע פּאַפּירענע פליגל, מעשה מלאך. פאַר גרויס התפּעלות האָב איך אָבער פאַרגעסן, איידער איך בין אַרויסגעטראָטן, אויסצוטאָן די ברילן.

פּונקט ווי ברונאָס "בולבע", האָט דער עולם, ווייזט אויס, אויך דעם "מלאך אין ברילן" געהאַלטן פאַר אַ חכמה, און אין דעם ניט געזען קיין פּגם. אין זיין ליכטיקן גן־עדן איז אונדז אָבער יל. פּרץ עד־היום אַוודאי ניט מוחל, וואָס זיין שיינע מעשה, פאַרטראַכט מיט אַ טאָלק, האָט זיך ביי אונדז באַקומען ווי אַ נאַרישע פּאַראָדיע.

דער טשוואָק פון ספּעקטאַקל איז געווען איציק מאַנגערס "סטעפּ־באַלאַדע", אַ ראָמאַנטיש־געפאַרבטע סצענע אין אַ ציגיינערישן טאַבאָר, מיט אַ ניכטערן עפּילאָג פון אַ יידישן דיכטער. מאַרושקאַ, די טענצערין, דערמאָנט אַ קאַפּעלע אין קאַרמען, אָבער נאָע דער ציגיינער, וואָס איז נאָך איר אויסגעגאַנגען, דער שלימזל וואָס קאָן "מער נישט איר שפּעטן הערן", פּטרט ניט זיין בענקשאַפט מיטן מעסער, ווי דאָן זשאָזע אין ביזעס אָפּערע, נאָר "האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ שוואַרצער קראָ / און איז מיטן צפון־ווינט אַוועקגעפלויגן / צום האַרבסט, וואָס האָט גאָלדענע אויגן". בלוט פאַרגיסן האָט אים מאַנגער ניט געלאָזט...

הערשי האָט ניט געזשאַלעוועט קיין פאַרב, כדי דאָס בילד זאָל זיך באַקומען וואָס לעבעדיקער. אויף דער בינע איז געשטאַנען אַ טאַבאָר מיט אַלע פּיטשעווקעס. אַרום אַ פייער זענען געזעסן אויף טערקיש אַן ערך פינף פון אונדזערע יינגלעך, אָנגעטאָן ציגיינעריש, מיט שוואַרצע פאַרסאַזשעטע פּנימער, און אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג, איז לעבן אַן אויסגעמאָלענער בויד געלעגן דער יחסנישער

סאַן־בערנאַרדינער, אַ כלב די גרייס פון אַ קעלבל, וואָס גאַנץ קהל האָט זיך מיט אים געחברט, און אים גערופן "מאָשו", טייטש "זקן".

דער שטערן פון מאַנגערס באַלאַדע איז אָבער מאַרושקאַ, די טענצערין, "דער ווילדער אומרו פונעם סטעפּ", דער "שלאַנקער רעגן־בויגן", נאָר אַזאַ פּאַרשוין איז אין אונדזער חברותא ניט געווען בנימצא, און הערשי האָט מיט אַ רעזשיסאָרסקע שטעל געטענהט, אַז אָן אַ לייטישער מאַרושקאַ, וועט ער זיך אויסמאַכן אויפן גאַנצן ספּעקטאַקל, יאָ, טאַקע מיט די ווערטער.

דער הייליקער דיאַניזאָס האָט אָבער געהאַלטן די רעכטע האַנט איבער אונדזער שפּילערישן טומל, און אונדז צוגעשיקט אַ מאַרושקאַ פון די צוגעקומענע, פון די דרויסנדיקע, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין "קן" פון בית"ר נאָר צוליב הערשין.

געהייסן האָט זי לילי, פאַרקירצט פון ליליאַנע, אַ בת־יחידה פון בעל־הבתישע טשערנאָוויצער טאַטע־מאַמע. אינטעליגענטע ווייבער אין שטאָט האָבן געהאַלטן אַז זי איז eine Erscheinung. לילי איז געווען אַ שלאַנקע, צירלעך־צאַרטע געשטאַלט, מיט אַ קאָפּ העכער ווי אָרטיקע מיידלעך אין אירע יאָרן, און אַ שויבער שוואַרצע, געקרייזלטע האָר איבערן קיילעכיקן, מילך־ווייסן פּנימל, אַ פּנימל פון אַ גאָר טיירער ליאַלקע, אַזאַ וואָס וואַלגערט זיך בלויז ביי נגידישע קינדער. פון אונטער אירע פּוישיקע, גלאַנץ־שוואַרצע ברעמען האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר גרוי־גרינע, קינדעריש־לאַכנדיקע אויגן.

לילי האָט זיך געשניטן אויף אַ קינסטלערין, נאָר צו אַ יידיש וואָרט האָט זיך איר דאָס מיילעכל ניט געלייגט. דערקעגן האָט זי געמאָלן די דעקאָראַציעס פאַר אונדזער ספּעקטאַקל, און שטומערהייט געשפּילט די ראָלע פון מאַרושקאַן די טענצערין מיט די זיידענע צעפּ. זי האָט געטאַנצט אַרום די וויאָלעטע פייערן און עס האָבן געפלאַטערט אין ווינט אירע זיבן שלייערן, פּונקט ווי עס שטייט געשריבן אין מאַנגערס "סטעפּ־באַלאַדע".

אַגב, איז זי געווען שטאַרק פאַרקאָכט אין הערשין, און אויב איך האָב קיין טעות ניט, האָט מען אַפילו געבראַכן טעלער. אין גיכן איז דאָס פּאָרל ערגעץ אַוועק פון שטעטל, נאָר עס האָט לאַנג ניט געדויערט און לילי האָט זיך אומגעקערט איינע אַליין. פונעם שידוך איז גאָרנישט געוואָרן.

מאַנגער האָט אַ שפּיל געטאָן אויף אַ ראָמאַנטישער סטרונע, אַ זאָג געטאָן: שיין! - נאָר כדי זיך אויסצוניכטערן, האָט ער אָוועקגעשטעלט אַ גאַנצע שורה געדאַנקען־פּאַסיקלעך (Gedankenstriche בלע"ז), וואָס שטאַרצן אַרויס צווישן די שורות ווי גרענעצשטיינער. דער גרויסער ווייטיק האָט אים ניט דערלאָזט איבעריק הנאה האָבן פון דער שיינקייט, און, מיט אַ טיפן זיפץ, אים אונטערגעזאָגט דעם אומעטיקן עפּילאָג:

און איצט, איך בעט אייך, זאָגט מיר רב ייד:
צו וואָס טויג דער שטות, אָט דאָס דאָזיקע לידל,
דער סתם אין דער וועלט אַריין "טידל־נידל"?
און פון וואַנען נעמט זיך, אפשר ווייסט איר באַשייד,
אַזאַ גרויסער ווייטיק אין אַזאַ קליינער פידל?

לילקע מייזנער

# און אויב איך וועל נישט קענען
# זאָלסט דו געדענקען...

דאַכט מיר, אַז דאָס זיינען געווען דיינע לעצטע ווערטער - נישט דערזאָגטע אָפּגעריסענע, אַרויסגעזאָגטע דורך בלויע ליפּן - שעפּטשענדיקע ווערטער. און אָט די ווערטער זיינען אַריינגעוואַקסן אין מיר און מיטגעגאַנגען אין מיין גאַנג. און צוזאַמען הויזן מיר, איך און דו, סאָניע - דו - די אַוועקגעגאַנגענע - און איך, די לעבנגעבליבענע. דו, דער שאָטן פון דער פאַרגאַנגענער צייט - און איך - וועלכע דאַרף אָפּהיטן דאָס פאַרגאַנגענע, דאָס געזעענע!

דאָס מאָל וועלן מיר עס טאָן דורך שפּינען מעשיות. מעשה, איז אַ גוטע פאָרעם פון דערציילן. אפשר גאָר די ערשטע פאָרעם פון איבערגעבן גשעעניש. דערציילן, איז אַן אינטימע פאָרעם - עס שאַפט אַ באַזונדערע אַטמאָספער. איז לאָמיר זיך אַוועקזעצן אָט אַזוי אין אַ קרייז, און אָנהייבן שפּינען.

ווען איך בין געווען גאָר קליין, בין איך פאַרכאַפּט געוואָרן פון די מעשיות פונעם דענישן שרייבער קריסטיאַן אַנדערסען, פון זיינע שרעקעוודיקע, פאַרכישופטע ברונעמס, ווו מען האָט קינדער אַריינגעוואָרפן, און גוטע שרעטעלעך האָבן זיי געראַטעוועט. אין מיין מורא האָב איך זיך איינגעטוליעט אין דער מאַמעס שויס און אין איר וואַרעמקייט און ליבע - געפונען רו און זיכערקייט. און ווען כ'בין עלטער געוואָרן - איז דעם שרייבער מאַניע לייבס "גאָנטע קאָזאַק" מיר נאָכגעגאַנגען - און איך האָב געמורמלט זיינע ווערטער: "ווער גייט דאָס ווי אַ בלינדער און וועקט בייניאַכט די קינדער, דאָס איז דאָך "גאָנטע קאָזאַק. ער בלאָזט זיך ווי אַ בלאָזאַק" און פון גרויס שרעק פעסט זיך איבערגעדעקט מיט דער קאָלדרע, כדי נישט צו זען אים, דעם נישט גוטן. און צו פאַרטרייבן אָט די מורא, האָט די מאַמע אָנגעהויבן שפּינען אירע מעשיות פון ריטערס און מלכה'ס און דערציילן וווּנדערס פון דער וועלט, וועגן דער שוואַן, וועלכע דאַרף אונדז פירן אין אַ זוניקן לאַנד דורך אַ פאַרצויבערטער אָזיערע.

איז אָט אַזוי האָבן מיר געשפּינט די מעשה - ביז... ביז די צייט איז געקומען, און איך האָב אָנגעהויבן צו שפּינען מיינע אייגענע "מעשיות", גרויסע און קליינע, טרויעריקע און פריידיקע, וויכטיקע און נאַרישע - און איך האָב זיי אָנגעהויבן צו פאַרשרייבן - אָט אַזוי, פאַר זיך. כדי זיי צו געדענקען.

און דאַן, דאַן איז געקומען דער גרויסער שטורעם. און פייער און ווינט האָבן טיילוויַיז פאַרברענט און טיילוויַיז פאַריאָגט די אָנגעזאַמלטע געשיכטעס - און געבליבן איז נאָר אַש, גרויער אַש. און נאָך דעם גרויען אַש, נאָך דעם גרויסן מבל - האָב איך געדאַרפט האַלטן צוזאָגן. אַליין שפּינען מעשיות, דערציילן זיי, געשיכטעס פון מיין דור, פון מיין צייט - וועגן די וועלכע זיינען מער נישטאָ. וועגן מאָדערנע "גאָנטע קאָזאַקס" און נישט אַזעלכע "פאַרכישופטע ברונעמס" פון דעם דענישן שרייבער. ברונעמס פון אַן אַנדער מין, ווו גוטע שרעטעלעך האָבן קיינעם נישט געראַטעוועט.

נאָר דער מאַמעס ריטער־מעשיות זיינען טיילוויַיז פאַרווירקלעכט געוואָרן. אַנדערע ריטער, אַנדערע מלכה'ס זענען דאָס געווען, זיי האָבן זיך געראַנגלט און

געקעמפט מיטן טייול, מיט דעם נישט גוטן! איז כדאי איך זאָל נישט פֿאַרגעסן די אַלע געשיכטעס, וועל איך צונויפֿנעמען די נישט פֿאַרשריבענע שטיקלעך פּאַפּיר, און צוביסלעך דערציילן, זיך דערמאָנען... אַ מעשה הייבט זיך אָן מיט אַ מאָל, אַ מאָל איז געווען... דער אַ מאָל ווערט אָבער וואָס אַ מאָל בלאַסער, בלאַסער, און די פּאַפּירלעך מיט די שורות ווערן פֿאַרגעלט און הייבן זיך אָן צו קרישלען. איז איידער וואָס ווען, לאָמיר אָנהויבן:

...דאָס פּאָסט־קאַרטל האָט געהאַט די דאַטע 1940, פֿון ווייטן מאַגניטאָגאָרסק, געשריבן אין פּויליש, מיט שוואַרצן טינט. דו האָסט אין געציילטע ווערטער דערציילט וועגן זיך און אָנגעהויבן זיך נאָכפֿרעגן וועגן אונדזערע פֿריינד – און וואָס איז מיט מיר? פֿאַרענדיקט האָסטו מיט די ווערטער – ווען מיר זיך נאָך זען? – און דאַן געחתמעט מיט דיין נאָמען. כ'האָב לאַנג געהאַלטן אין מיינע הענט דאָס קאַרטל, געוואָלט אַרויסרופֿן די צייט. גראָד ווען דאָס קאַרטל איז צו מיר דערגאַנגען (נאָך זעכציק יאָר), האָסטו פֿאַרענדיקט דיין ערדיש לעבן, און די אַשן דיינע זיינען צעוואָרפֿן געוואָרן אין דעם אָרט וואָס דו האָסט אויסגעקליבן. אָבער אין מיין דמיון ביסטו פֿאַרבליבן אַט אַזאַ ווי מיר האָבן זיך געזעגנט, אין די לעצטע מינוטן פֿאַר דיין אַוועקגיין אויף דיין נע־ווּנד. מיר זיינען געווען קינדער, און שפּעטער יוגנט־חברים. צוזאַמען אין שול געגאַנגען, צוזאַמען אַקטיוו געווען אין אונדזער יוגנט־באַוועגונג. צוזאַמען געשפּינט חלומות און געוואָלט איינגעמען די וועלט כדי זי בעסער און שענער מאַכן! דו האָסט געשפּילט פֿידל אַלס קינד, און מיר ביידע האָבן ליב געהאַט צו שמועסן וועגן דעם כּישוף, וואָס הייסט – מוזיק.

אין אונדזער יוגנט־גאַנג זיינען מיר געפֿאָרן אויף זומער־לאַגערן, געלערנט, געזונגען, דערציילט, פֿאָרמירט פֿריינדשאַפֿטן, וועלכע זיינען געבליבן אויף אַ גאַנץ לעבן. מיר האָבן געקוקט אויף רויטע זון־פֿאַרגאַנגען און געמאַכט פֿאַרגלייכן מיט אַ רויטן זון־פֿרימאָרגן – פֿון אַ שענערער, גערעכטער וועלט. אין אונדזער גרויסן יוגנט־שוווּנג זיינען מיר געפֿלויגן, באַקומען אָדלער־פֿליגל, און די וועלט האָט געהערט צו אונדז. נאָר אין אַ געוויסן מאָמענט האָט דער פֿאָרהאַנג זיך אַראָפּגעלאָזט, און די שפּיל האָט זיך פֿאַרענדיקט. ביסט געקומען זאָגן אַ "גוטן טאָג" – דיין וואַנדערוועג האָט זיך אָנגעהויבן. און אַזוי איז געקומען דיין קאַרטל פֿון מאַגניטאָגאָרסק, און דיינע פֿאַרשיקונגס־יאָרן.

איך האָב געטראַכט וועגן די טיפֿע פֿאַרבינדונגען, די פֿריינדשאַפֿטן צווישן די גרופּעס יוגנטלעכע, וועלכע האָבן זייערע יונגע לעבנס פֿאַרבונדן מיט אידעאַלן, מיט זוכענישן, מיט פֿאַרפּליכטונגען. דאָס לעבן איז געווען אויסגעפֿילט ביז די ברעגעס, כאָטש די באַדינגונגען אין די היימען און דעם אַרום, אַזעלכע שווערע... נישט געקוקט דערויף, און אפֿשר דערפֿאַר, זיינען מיר געווען פֿול מיט גלויבן, מוט און שטורעם! האָב איך געהאַלטן דאָס אָפּגעפֿונענע קאַרטל אין מיין האַנט, צוגעמאַכט די אויגן און ווידער אַ מאָל געזען אַ ווינקל פֿון דער פֿאַרגאַנגענער וועלט, פֿון דעם אַ מאָל, פֿון ווייטן אַ מאָל!

...דאָס בוידעם־שטיבל אין דער געטאָ איז געווען גאָר קליין, מיט אַ קליינעם פֿענצטער, אין וועלכן דאָס טאָגליכט האָט זיך קוים אַריינגעשלייכט. אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ קליינער, שוואַרצער אייזערנער אויוון מיט אַ גרויסער

רער. ביי אַ וואַנט, אָן אַ זייט, אַ בעט. און צווישן טיר און וואַנט, נאָך אַ בעט. צוויי הילצערנע שטולן און אַ פאַרהאַנג האָבן אָפּגעטיילט נאָך אַ צימער, פאַר דעם צווייטן איינוווינער. הילצערנע אָפּגעריבענע טרעפּ האָבן אַריינגעפירט אין שטוב. אַ קליין לעמפל האָט זיך געהוידלט פון סופיט. דורך דעם קליינעם פענצטער האָט מען געקענט זען דעם הויף. גרויע שטיינער, פון דער אַנדערער זייט אַ גרויסער מויער מיט ווענט, וואָס האָבן זיך געשיילט. אין מיטן פון הויף איז געשטאַנען אַ וואַסער-פּלומפּ. ביי טאָג איז דער הויף געווען ליידיק, אַ חוץ אין די טעג ווען די דייטשן האָבן פאַרזאַמלט די יידן און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ "סעלעקציע"- דער אויסוואַל פון לעבן און טויט. ווען דער טאָג האָט זיך פאַרענדיקט האָבן אָנגעהויבן שאָטנס זיך באַוועגן. שאָטנס, אַרומגעוויקלט מיט שמאַטעס אָדער רעשטלעך פון אַנטאָן, וואָס זיי האָבן נאָך נישט פאַרקויפט פאַר דעם שטיקל ברויט. די שאָטנס האָבן געאיילט צו זיין אין צייט, פאַר דער אַזוי גערופענער "שפּערע" (אָבליגאַטאָרישע צייט-באַגרענעצונג).

ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן און דער אַרום איז נאָך טונקעלער געוואָרן, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס צווייטע פאַרשטעלטע לעבן. די הילצערנע טרעפּ צו דעם בוידעם שטיבל האָבן געגומען סקריפּען, שטילע פאַרבאָרגענע שטימען האָבן זיך באַגריסט. אַ גאָר שטילער קלאַפּ אין טיר איז געווען דער סימן די טיר צו עפענען. פאַמעלעך האָט זיך די הילצערנע טיר, אויף איין זאַוויעסע, געעפנט.

מיט געמאָסטענע באַוועגונגען האָט זיך די גרופּע אַוועקגעזעצט אויף ביידע בעטן, די צוויי שטולן, און אויפן דיל. אויף דעם אייזערנעם שוואַרצן אויוון איז געשטאַנען אַ גרויסער טאָפּ מיט וואַסער, דאָס עלעקטרישע לעמפל איז אויסגעלאָשן געוואָרן און די שוואַרצע נאַכט האָט אונדז אַרומגענומען. מיר האָבן שטילערהייט אָנגעהויבן רעדן, דערציילט וועגן די געשעענישן פון פאַרגאַנגענעם טאָג, געפרייט זיך, אַז קיינער פעלט נישט, איבערגעגעבן דעם גרוס פון דער "אַנדערער זייט מויער". די נאַכט האָט אַריינגעקוקט דורכן קליינעם פענצטער. דער קלאַנג פון שווערע מיליטערישע שיך האָט אַריינגעבראַכט אַן אומרויקייט און צעשטערט די רו. מיר זיינען אַנטשוויגן געוואָרן, הענט האָבן זיך געזוכט און פאַרקלאַמערט איינע אין דער אַנדערער. פלוצים איז די שטילקייט איבערגעריסן געוואָרן מיט שטילע טענער. שלמהס שטימע האָט זיך דערטראָגן צו אונדז פון דער אַרומיקער שוואַרצקייט. ער האָט אָנגעהויבן זינגען זיין באַליבט ליד "אַ פאַסטעכל", און די ווערטער זיינען געפלאָסן אַזוי רויק, און מיר אַלע האָבן אַנגעהויבן שטילערהייט מיטזינגען: "איז געווען אַ מאָל אַ פאַסטעכל, איז אים פאַרלירן גאַנגען זיין איינאיינציק שעפעלע", זיין שטים איז געווען פול מיט געפיל און איך, די מעשה-דערציילערין, הער איצט זיין שטימע אַזוי קלאָר און דייטלעך. און שלמה איז אַוועק שוין נאָך דעם שטורעם, און איך - איך בענק נאָך אים אַזוי... און דאָס בוידעם-שטיבל האַלט די אַלע סודות, סודות פון אַט אַזעלכע נעכט.

לידער קענען אויך זיין מעשיות. מעשיות פאַר גרויס און קליין, איינע אַזאַ מעשה-ליד איז פאַרבונדן מיט געשעענישן, וועלכע כ'וויל פאַרשפּינען אין מיינע דערציילונגען-דערמאָנונגען. די ווערטער פון דעם ליד זינגען זיך אַזוי: "ווען מיין מאַמע לייגט מיך שלאָפן אין מיין וויגעלע / וויגט זי מיך און זינגט אַ לידל פון

אַ ציגעלע / ווערט פון וויגל גלייך אַ שיפל / שווימט עס ווייט אַוועק / אין אַ ווייטן לאַנד / איך קען נישט קומען צו אַ ברעג".

דאָס יאָר איז געווען 1945. בעלגיע, בריסל - אין די ערשטע באַפרייונגס־חדשים, ווען דער שטויב פון אַש איז נאָך געלעגן אויף, און אין אונדז. די שטאָט האָט אונדז אַרומגענומען מיט וואַרעמקייט און ליכטיקייט, מיט די ברייטע בולוואַרן, צעבליטעביימער און האַרציקייט פון דעם אַרום. מיר האָבן די דאָזיקע באַפרייונגס־טעג פאַרברענגט אין די פּרעכטיקע אַרדענען־בערג, צווישן באַרג און טאָל, צווישן גרינע ביימער, וואָס האָבן אונדז אַרומגענומען מיט זייערע צעשפּרייטע אָרעמס. די רויקייט פון אַרום האָט געהאָלפן היילן אונדזערע צעווייטיקטע גופים. נישט ווייט פון אונדז האָט זיך געפונען אַ קינדער־קאָלאָניע אָנגעפירט פון דער אומפאַרגעסלעכער יידישער לערערין מרים קאַץ. זי האָט צונויפגענומען די לעבן געבליבענע יידישע קינדער, וועלכע האָבן פאַרלוירן טאַטע־מאַמע - און געשאַפן פאַר זיי אַ צייטווייליקע היים, אַ היים וואָס זאָל וואַרעמען זייערע פאַרוווּנדעטע און צעווייטיקטע נשמות. איך בין געווען מיט זיי. איך האָב געפילט אַ נויטווענדיקייט צו זיין מיט די אָ קינדער, האַלטן זייערע הענט, אַרומנעמען זיי מיט מיינע אָרעמס, און באַרויקן זייערע אומרויקע אויגן, וועלכע האָבן אַזוי פיל שלעכטס געזען.

"איזי" איז געווען דער שטילסטער, דער דערשלאָגנסטער. אין איינער אַ נאַכט איז די שטילקייט איבערגעריסן געוואָרן מיט אַ שרעקלעכן וויי־געשריי. איך האָב געהערט לויפנדיקע טריט. דאָס איז "איזי" געלאָפן איבער דער לענג און ברייט פון צימער, זיינע הענט האָבן זיך געוווּרט קעגן נישט געזעענעם שונא. זיינע צעשראָקנע אויגן האָבן געזוכט און נישט געפונען די, אין וועלכע ער האָט זיך איצט גענייטיקט. איך האָב אים אַריינגענומען אין מיינע אָריעמס, אים פעסט געהאַלטן און געקושט זיינע פאַרוויינטע אויגן. געוויגט אים מיט אַ ריטמישן נישט הערנדיקן געזאַנג. און פּלוצים איז מיר איינגעפאַלן צו זינגען דאָס ליד, וואָס מיין מאַמע פלעגט אונדז זינגען. און וויגנדיק אַזוי "איזין", האָב איך אָנגעהויבן זינגען: "ווען מיין מאַמע לייגט מיך שלאָפן אין מיין וויגעלע"... מיר האָבן זיך ביידע געוויגט צום ריטעם פון ליד, דאָס יינגל האָט זיך באַרויקט, זיינע צעשראָקענע אויגן זיינען מילדער געוואָרן. מיר האָבן ביידע זיך איבערגעטראָגן אין אַן אַנדער וועלט, און די מעלאָדיע מיט די ווערטער פון דעם וויג־ליד האָבן אונדז ביידן געהאָלפן לינדערן אונדזער טיפן ווייטיק.

"איזיס" אויגן האָבן זיך צוגעמאַכט און אַ דינינקער, רויקער שמייכל האָט זיך פאַרצויגן אויף זיין געזיכט. האָט ער אין זיין חלום געזען זיינע ליבסטע? האָט דאָס ליד אים פאַרוויגט און אים רו געגעבן? האָט דאָס שיפל אים אַוועקגעפירט אויף רויקע כוואַליס אין "אַ לאַנד אַ ווייטן"?

מיינע מעשיות זיינען נאָך נישט קיין פאַרענדיקטע. אין די פאַלדן פון מיין מוח פאַרבאַהאַלטן זיי זיך, און פון צייט צו צייט פליען זיי אַרויס. און דעמאָלט פּרוביר איך זיי פאַרוואַנדלען אין ווערטער, אַז זיי זאָלן בלייבן אויף דעם ווייסן פּאַפּיר - פאַרפיקסירט בכדי האַלטן דעם צוזאָג: "אויב איך וועל נישט קענען - זאָלסט דו געדענקען".

פּיניע פּלאָטקין

# אַלבערט איינשטיין און זיין פידל

און ס׳האָט די געבילדעטע מענטשהייט באַהאַנדלט נישט ווייניק
ווי פּשוט און שאַרף זיין געדאַנק איז און וואָס זיין טעאָריע פּריידיקט.
נישט אַלע פון טויזנטער שטערבלעכע האָבן פאַרשטאַנען און וויסן
ווי שווער איז געוועזן דעם געני די נייע טעאָריע לייזן
מיט אַלע חשבונות פאַרשיידענע - פריער און שפּעטער
און טראָגן זיין נאָמען מיט רום אויף דער ווייסער פּלאַנעטע.
ער שטאַמט פון אַמאָליקן דייטשלאַנד, געלעבט און געאַרבעט באַ לייטן,
נאָר שטענדיק געהערט צו די יידן און נישט צו די דייטשן.
זיין מח פלעגט אויפהערן קלעמען און צופלוס פון כוחות פלעגט פילן,
ווען ער פלעגט די פידעלע נעמען און אָנהייבן מאָצאַרטן שפּילן.
זיין ליכטיקער פּנים פלעגט שיינען ווי זומער אַ גאָלדענער שטערן,
ווען שטיל פון דער פידעלע זיינער אַ יידישן ניגון מ׳פלעגט הערן.
דאָס האָבן די שטערבלעכע אַלע דאָס ליד אין אַ הימן פאַרוואַנדלט
פאַר זייער געזונט און אַרט-לעבן, פאַר זייער נישט גרינגן געראַנגל.
נישט פאַר זילבער און גאָלד טראָגט אַרום זיך די וועלט מיט זיין נאָמען
און זיכער פאַרטראַכט זיך ווי מיידט מען אויס קריג און מלחמות.

## דער ערד-קיילעך

גאַנץ אָפט אויף זיין אייבערפלאַך הוליען געוויטערס
דאָרט, וווּ ס׳איז דער באָדן ניט זיס און ניט ביטער.
אים שלאָגט מען, אים בענטשט מען, אים מוטשען חלומעס -
דאָס קומען, ווי געסט, מאַרסיאַנער. ניט כלומערשט
מיט זיי גרויסע טעלער אין הימל, ווי רייפן
אויך קומען צופליען, נאָר גיכער אַנטלויפן.
אין טיף פון זיין ערדשאָל, אין פּלאַם פון פרימאָרגנס
צי וועט ער אונדז קענען באַדינען, באַזאָרגן
מיט ווייץ און מיט קאָרן, מיט פּרות מיט זיסע -
דער מענטש זאָל טאָגטעגלעך פון פרייהייט געניסן,
פון קעלטער ניט פרירן, פון הונגער ניט ליידן,
אַז אַלץ זאָל אין אָרדענונג זיין, ווי באַ לייטן.
אים בוקן זיך מענטשן, און שעצן, און ליבן,
דערפאַר איז ביי אים אַ געהייבענע שטימונג -
דאָס הייסט, אַז ער לעבט און וועט לעבן בסדר,
אַז ער, אין אַלוועלט, איז, בפירוש, ניט איינער.
אַז ס׳גייען פונאַנדער די וואָלקנס אין הימל
ווי פלעקן ניט ווייסע אויף אַלטע מלבושים,
קומט פעסט. אין זכרון די גרויסע ירושה,
די גרויסע ירושה פון הונדערטער פעלקער,

דוד וואָלפּע

# אַ פרילינג אין דייטשלאַנד

*פון אַ לעצטן בריוו:*
*ליבהאַרציקער משה, דיין בריוו איז היינט אָנגעפלויגן און מיך דערפרייט. גוט צו הערן די קלינגענדיקע יידיש־ווערטער... דו שטייסט היינט אויף דער שמירה פון אַ יידיש־קודשדיקע פּאָזיציע און אַקטיוויזירסט מיט פיינער רעדאַקטאָרישער און פּאָעטישער וויזיע אַ ווייטן ליכטיקן ווינקעלע אין אַמעריקע. ביי מיר - געזונט מעג זיין בעסער... שאַפעריש - שפּרודלט נאָך אַלץ אַ דין - דין שטראָמעלע. פון ווו און ווי ער קומט צו מיר אין אַזאַ עלטער איז פאַר מיר אַליין אַ סוד, ממש אַ מיסטעריע וואָס נאָר דער שר־היצירה קען עס מפרש זיין...*

*בעצם איז אָט דער בריוו געמיינט דיר חבריש צו באַדאַנקען און איבערשיקן עפּעס פאַרן נייעם נומער, וואָס באַקט זיך שוין אפשר. טאָ זעץ אַריין אויך מיין לעבל ברויט. איך האָב עפּעס אָנגעהויבן שרייבן, אַן עפּיזאָדל, ווו איך פאַרבינד היינט מיטן נעכטן. און אָט איז עס געבליבן שטעקן אין שרייב־מאַשין ביי די ערשטע עטלעכע שורות. כ'האָב געטראַכט, ס'וועט זיין פאַר אייער "חשבון", נאָר אָט זע איך, אַז די צייט רוקט זיך אָן און אַ מאַסע מיט פּראָיעקטן אין שוואַכינקן מוח. האָב איך מורא. אַז ס'קען מיך איינברעכן...*
*מיט ליבשאַפט נעם איך דיך אַרום, דיין*
*דוד".* ←

---

וואָס האָבן געפלאַנצט און נאָך וועלן פאַרפלאַנצן
דאָס בעסטע אויף זיינע אומענדליכע שטחים,
פון מזרח ביז מערב, פון דרום ביז צפון.

## אַז ס'קלינגען די גלאָקן

אַז ס'קומט אַ געוויטער, שטאַרק קלינגען די גלאָקן,
ביז ער, דער ניטגוטער, פאַרלירט זיינע כוחות,
ביז גרינגער אַ טורעמקראַן טוט זיך אַ שאָקל,
ביז ס'ווערן אַנטשוויגן די ביימער די הויכע.
ער קומט, נאָר דערקענט נישט די וועגן און שטעגן,
אַוועלכער ער האָט ווי אַ בלינדער פאַרלוירן
און מיט דעם געוויטער זיך ווידער באַגעגנט
אויף רחבותן ברייטע אין האָבער און קאָרן.

אַ וואָלקן פון איין הויך צום אַנדערן וואַנדערט
און ווערט אויף חלקים צעטיילט און צעשניטן,
דאָך קלינגען די גלאָקן די שווערע, נאָך אַנדערש,
פונקט ס'האָט זיך די וועלט אויף אַ ווײַלע געביטן.

מיט דוד וואָלפֿען האָט אונדז אַ לענגערע צייט פֿאַרבונדן אַ האַרציקע פֿריינדשאַפֿט און חברשאַפֿט, און פֿון דאַנען זיין באַזונדערע באַציונג צו אונדזער זשורנאַל, ווו ער האָט רעגולער פֿאַרעפֿנטלעכט זיינע פּאָעמעס און באַלערנדיקע עסייען. ער איז אַוועק פֿון אונדז אין טיפֿן עלטער, "פֿול מיט פּראָיעקטן אין שוואַכינקן מוח". דערמאָנענען מיר אים היינט מיט ליבשאַפֿט, איבערדרוקנדיק איינעם פֿון זיינע *פֿאַרוויקלעכטע* פּראָיעקטן, אַ דערציילונג פֿון זיין לעצטן בוך "איבער מיינע וועגן", יאָהאַנעסבורג, 2002.

**מ.ש.**

ער געדענקט יענעם טאָג מיט אַלע פּיטשעוועקס. יעדן יאָר, אין איינעם פֿון די סוף־אַפּריל טעג, שליסט ער זיך איין, כמו־אויטאָמאַטיש, אין זיין געדעכעניש. ס'איז ווי אַ יאָרצייט נאָך אַלע זיינע פֿרילינגס, וואָס דער דייטשישער מלאך־המוות האָט אָפּגעקוילעט. ווי אַ שוואַרצער בליץ האַקט אין זיין נשמה אַריין אַ קאָשמאַר, קעגן אַלע געזעצן פֿון זוניק־צעשטראַלטן טאָג. ער איז דער איבערשפּיגל פֿון יענעם טאָג פֿון זיין פֿריי ווערן. אָט האָט זיך: אים אין קאָפּ יענער גלאָק צעקלונגען.

אין דער היים, איידער ער איז פֿאַרשלעפּט געוואָרן אין מערדערלאַנד, פֿלעגט אים אויף פֿאַרכאַפּן דער פֿרילינג מיט זיין ווייניק־זיסן ריח פֿון זיך עפֿענענדיקע קנאָספּן, און עס פֿלעגט אים קלינגען אין האַרצן אַ זילבערן גלעקל. נאָר דאָ האָט דער מאָנסטער איבערגעדרייט די צייט און זי פֿאַרביטן. אויך ער איז אַ געביטענער. ער דריקט צוזאַמען די אויגן, ווי מיט אַ פֿרומער כוונה, און פּרוּווט אַריינאָטעמען דעם שאַרפֿן גערוך פֿון דער אויפֿגעווירטער ערד. ער ליגט אויפֿן גראָז און מיטערט זיך: נאָר ניט איינשלאָפֿן. און אָט לויפֿט אָן די שרעק. ער שפּיצט אָן דעם אויער צו אַ וויטן עכאָ: איז עס דער קלויסטערגלאָק, צי איז עס זיין קאָפּגלאָק? און ער פֿרעגט זיך: וואָס איז די חכמה צו קלינגען טאָג און נאַכט, אָן אויפֿהער? – – –

איינער פֿון די דייטשן, וואָס אַרבעטן ביים גראָבן דער קבר, בייגט זיך אַריבער איבער אים און שיפּעט אים אין פּנים: "פֿאַר אייך, יודען, מוזן מיר אַפֿילו אין אַ זונטיק־טאָג גראָבן קברים, אַז אונדזער בייערישע זון זאָל אייך ניט בראָטן און ברענען..." און ער שטשירעט צו אים שפּיציקע ציינער. פֿון דעם דייטשס געלעכטער רייסט ער אויף אין פּחד די אויגן. אַ צעטומלטער קוקט ער זיך אַרום. די דייטשן שטייען אין אַ ריי אין דער קוואַדראַטנער גרוב און ווי לויט אַ קאָמאַנדע וואַרפֿן זיי רידלען ערד אויפֿן פֿרישן בערגל אַרום. זיי אַרבעטן רויק און שטיל, און פֿון זייערע צעהיצט־פֿאַררייטלטע פּנימער שלאָגט אָפּ די זאַטקייט פֿון צופֿרידנקייט און היים – – –

דעם ווי אַ וואָרעם קריכנדיקן צוג, אָנגעשטאָפּט מיט פֿאַרהונגערטע־פֿאַרפּייניקטע קאַצעטלער, האָבן מיט אַ גרילציקן שטורעם אָנגעיאָגט די אַמעריקאַנער שטאָלענע ריזן־פֿויגל. דער צוג איז שטיין געבליבן מיט די פֿאַרמאַכטע טירן צום וועלכל. דורך די אויפֿגעפּראַלטע טירן פֿון דער צווייטער זייט זענען שאָטנס געשפּרונגען און זיך אַריינגעקייקלט אין די גראָבנס דערביי. מאַשין־ביקסן פֿון אויבן האָבן געשטעפּט מיט אַ דולן אַפּעטיט און געפּייקלט אויף די דעכער

און ווענט פון די וואַגאָנעס. דער פּאַרהאַלטענער צוג האָט אָפּגעשניטן דעם וועג צום וועלדל, און ער, מיט די אַנדערע, מיט אַ זשיפּקע לעבן נאָך, איז געבליבן ליגן אונטער די וואַגאָנעס.

נאָך דעם טראַגישן טעות פון די אַמעריקאַנער פליער, וואָס האָבן אַ פּנים אידענטיפיצירט דעם צוג ווי אַ מיליטערישן טראַנספּאָרט־קאַמופלאַזש, איז געבליבן ליגן אַ היפּשע צאָל טויטע און פאַרוווּנדעטע קאַצעטלערס ביי די באַנרעלסן. אַ צייט שפּעטער, נאָכן אָפּפלי פון די באָמבאַרדירערס, איז אָנגעלאָפן דער בירגערמייסטער פון דאָרף מיט אַ גרופּע דייטשישע אַרבעטער, אַלע מיט ווייסע בענדלעך אויף די אַרבל, קענטיק, אַ סגולה קעגן באַשולדיקונגען און חשד. גלייך איז געקומען אַן אַמבולאַנס מיט סאַניטאַרן און אַוועקגענומען די שווערפאַרוווּנדיקטע. די דערשאָסענע האָט מען צוזאַמענגעלייגט באַזונדער און אויסגעמאָסטן פאַר זיי אַ קבר. זיי האָבן געזאָלט וואַרטן ביז ס'וועט פּאַרטיק ווערן זייער לעצטע היים אין דער בלוטיק־פרעמדער ערד. אָט דאָ טאַקע, ביים קבר־בערגל, איז ער געפאַלן ווען דער צוג האָט איבערגעשניטן זיין געלויף און ער איז קוים דערקראָכן, ווי אַ צעקוועטשטער וואָרעם, אונטער אַ וואַגאָן.

נאָך דעם, ווען ס'איז שטיל געוואָרן, האָט ער אַרויסגעפּויזעט און דאָ פאַרזונקען אין אַ מידן שלאָף. איינער פון די דייטשישע אַרבעטער האָט זיך צופעלקי אין אים פאַרטשעפּעט און ער איז ראַפּטעם אויפגעשפּרונגען מיט אַ שרעקלעכן געשריי. ער האָט געמיינט, אַז דער דייטש וויל אים אַריינבריקען אין גרוב דערביי, און ער האָט זיך אויף אים געוואָרפן מיט די פאַרדאַרטע פויסטלעך, ווי אַ ליליפּוט וואָס פאַרמעסט זיך קעגן אַ ריז. ס'האָט אויסגעזען באַדויעריק־קאָמיש, און דער דייטש האָט געשמייכלט און געשטאַמלט: "אַבער יונגע... יונגער הער... פערציייונג... ביטע..." וויל ער צו אים נעענטער אַ טראָט טאָן, אָבער ער פילט ווי זיינע פיס וואַקלען זיך און אין קאָפּ פייפט אים, מאַכט אים משוגע.

דאָס איז גאָר געווען דער פלינקער קליינער קאַפּאָ, וואָס האָט אים אַ פּלעם געטאָן איבערן אויער מיט זיין אייזערנער לאַפּע, בעת מען האָט שפּעט אין דער נאַכט אַרויסגעטריבן צום מאַרש. מיט די לעצטע כוחות האָט ער זיך נאָכגעשלעפּט פון הינטן, מיט די קראַנקא און שוואַכע. פאַרן אַרויסמאַרש האָט דער קאַפּאָ אויסגערופן: ווער עס פילט זיך צו שוואַך מעג בלייבן! האָט זיך גלייך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דעם באַראַק מיט אַלע געבליבענע וועלן די דייטשן אונטערצינדן, צי אויפרייסן, ביים פאַרלאָזן דעם פּלאַץ.

אַרום אַ סקעלעט־פיגור, מיט אַ געל־פּאַרמעטענער הויט און בליציק־משוגענע אויגן, האָט זיך צוזאַמענגעדריקט אַ דערשראָקענע גרופּקעלע, און זיין אומערדישע געשטאַלט האָט צו זיי געמורמלט: "צו וואָס זיך נאָך מאַטערן און נאָך דעם דערשאָסן ווערן. בעסער דאָ בלייבן..." אַלע ניט־גייערס זענען איצט געווען אין שפּייז־סקלאַד ביי דער קיך. די פּאָליצעס זענען געווען ליידיק און דער הונגער האָט נאָך מער געגריזשעט אין די שון לאַנג פוסטע געדערעם. אַ פּאָר אַלטע פּאַסטנס, מיט די ביקסן צווישן די קני, האָבן געדרעמלט ביי דער אויפגעבראָכענער טיר. אַלע יינגערע זענען פאַרשוווּנדן אין נאַכט־חושך דורכן שטאָלענעם טויער, וואָס איז געבליבן אָפן און אָן וואַך, אַ פרייער, דרויסן פון שרעקן.

מיט אַ מאָל האָט זיך אַריינגעשטעלט אין דער טיר די שרישע גרויל־פיזיאָנאָמיע פון דעם יונגן סאַדיסטישן קאַפּאָ, וואָס האָט זיך קוים אויף די פיס געהאַלטן.

זיינע פֿאַרשיכורטע אויגן האָבן גרין געפֿינקלט און ער איז נאָך אַלץ געווען אויסגעפּוצט אין זיינע קאַצעטישע בגדי־מלכות, מיטן גינעם קרימינעלן דרייעק. זיין פּולבלוטיקער אַרישער ייחוס האָט געהאַט אַ רעקאָרד פֿון מאָרד און רויב. זיין לעצטער קרבן אויף דער פֿריי איז געווען אַן אַריערין, זיין אייגענע כלה. און דאָס האָט אים טאַקע געבראַכט אין קאָנצלאַגער, כדי אויסצואיידלען זיין כאַראַקטער אויפֿן לעגאַליזירטן יידן־טעראָר־און־מאָרד. האָט ער איצט געוואָלט אויסמיידן דעם באַזויפֿענעם חזיריוק, וואָס האָט אים שוין איין מאָל אָפּגעקליבן פֿאַר אַן אויוון־טראַנספּאָרט. און יענער, ווי אַ צעיושעטער ביק, האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו אים און – אַ כמאַל אויפֿן אויער. אין קאָפּ האָט אים אַ סווישטש געטאָן אַ ווילד געפּייף, וואָס האָט אים פֿון דעם אָרט אָפּגעריסן און אַוועקגעיאָגט צו די רייען פֿון זיינע חברים, ערשט אַ ווײַלע צוריק אַרויסגעקומענע פֿון באַראַק. ער איז קוים דערלאָפֿן צו דער הינטערשטער שורה פֿון דער זיך שלעפּנדיקער קאָלאָנע. דאָס איז דער סוף, האָט ער געטראַכט, זיך אָנגעכאַפּט אָן אַן אַראָפּהענגענדיקער האַנט און זיך געבעטן: „העלף מיר, ברודערל, איך ווער משוגע." יענער האָט געענטפֿערט: „אַלע וועלן מיר ווערן משוגע."

עס איז שוין געווען גרויסער טאָג, אַ פֿרילינגטאָג, וואָס האָט זיך געשפּרייט בלאָ און זוניק און אים געקאָרמעט מיט האָניקדיקער לופֿט. ער האָט זיך געפֿילט מוטיקער, און ווי פֿאַרגעסנדיק דעם הונגער, איז ער אַוועק צום וועלדל. ביי זיינע שיטערע ברעגן איז שוין געווען אַ היפּש געזעמל. איינער, אַ בראַווער און גליקלעכער, האָט געריסן שטיקער פֿון אַ גרויסן פֿרישן לאַבן ברויט און פֿאַרטיילט פֿאַר די אויסגעהונגערטע מענטשן. ער האָט צו אים, ווי די אַנדערע אַרום, אויסגעשטרעקט זיין בלאַסע דינע האַנט און געפֿילט צווישן די פֿינגער אַ ניי לעבן. ער האָט די האַנט, וואָס האָט געהאַלטן אַ שטיק ברויט, צוריקגעצויגן, און אויף דעם ברויט האָבן געקאַפּעט טרערן, וואַרעמע, ווייטיקדיקע, און וווּנדערלעך־צאַפּלדיקע. און דאָס ברויט איז געווען באַטעמט ווי נאָך קיין מאָל אין זיין לעבן. ברויט מיטן צעבליטן ריח פֿון פֿרילינגלופֿט. אַזאַ מין הימלדיקן ברויט האָט ער נאָך קיין מאָל ניט געפֿילט אויף זיין צונג. אַלע אַרום אים האָבן געסמאָטשקעט מיט הנאה און בלישטשענדיקע אויגן דעם געשמאַקסטן דעליקאַטעס אויף דער וועלט: ברויט! און דאָס זעקל ביי די פּיס פֿון פֿאַרטיילער איז שוין געלעגן אויסגעליידיקט פֿון גרעסטן מענטשלעכן אוצר, וואָס זיי האָבן געזען בעת די האַלוצינאַציעס און חלומות און קאָשמאַרן אויף די פֿאַרלייזיקטע, קאַלטע נאַרעס: ברויט!

ס'איז געווען ברויט מיט טרערן, וואָס האָט אים אין אַ רגע אַ כּישוף אָפּגעטאָן און אים אָנגעזעטיקט מיט אַ ניי לעבן, געבענטשט מיט דער ברכה פֿון יאָרן. ער איז געווען זאַט.

אַן איבערגענומענער מיט דערוואַרטונג האָט ער, ווי די אַלע דאָ, אַרויסגעקוקט צו דער ווייטקייט. אויפֿן שאָסיי, וואָס לויפֿט דאָ פֿאַרביי פֿון דאָרף אַרויס, האָט געפּויזעט אַ דין שנירל, ווי מוראַשקעס. ביסטרע אויגן האָבן זיך אָנגעשטרענגט צו זען, וואָס באַוועגט זיך אינעם מרחק. איז עס טאַקע די ישועה? משיח? דער סימן איז געווען, אַז נאָך פֿון פֿאַר מיטאָג פֿלאַטערן איבער אָט די דעכער פֿון די דאָרפֿישע הייזער אַ מאַסע ווייסע פֿלאַכטעס. זיי שיינען דורך דער בלאָקלאָרער לופֿט. ווי אַ סטאַדע גייאָגטע שעפּעלעך דריקן זיך צוזאַמען די מענטשן, די מחנה

צעוויגט זיך, ווי אין אַ תּפֿילה, און מורמלט אין שוויגעניש איר קאָלעקטיוון האַרצקלאַפּ צום לעבן. זי פֿאַרוואַנדלט זיך אין אַ קוויל פֿון געשפּאַנטער דערוואַרטונג: אָט קומען זיי נענטער. מען זעט שוין אויפֿן וועג גראָ־גרינע קעסטעלעך און מען הערט זייער זשומען. און עס ברעכט אויס אַ געשריי פֿון ענטוזיאַסטישע קולות: "זיי קומען! זיי קומען!" אַ דולע היסטעריע קוילערט זיך איבער די גלאַט־נאַקעטע קעפּ. געוויין און פֿרייד. טרערן און טרויער. מען כאַפּט זיך אַרום, לייבער ביינערדיקע דריקן זיך צוזאַמען אין ליבשאַפֿט און ציטער. מען קושט זיך מיט פֿאַרדאַרטע טרוקענע ליפּן.

דער הימל זאַלבט די פֿאַרגליווערטע הערצער מיט אַ זוניק צעבלויטן פֿרילינג. פֿאַרגאַפֿטע בליקן קוקן ווי די קעסטעלעך קומען נענטער, וואַקסן, און אין זייערע ברוינע קוואַדראַטן ליכטיקן ווייסע שטערנס. דער קולות־שטורעם שטייגט: "אַמעריקאַנער... טאַנקען..." און די צעקאָדערטע מענטשן־מאַסע רייסט זיך אָפּ, ווי אַ פֿעלדז פֿון אַ באַרג און הייבט אָן יאָגן קעגן די טאַנקען. זיי אָנרירן, אַ קוש טאָן ווי אַ ספֿר־תּורה.

ביים ברעג וואַלד זיצט אַ ייִד אויף דער ערד, ווי פֿון אַלעמען אַ פֿאַרגעסענער. אַ פּאָר גרעזעלעך, דינע, יונגינקע, ביי זיינע פֿיס, פֿאַרוויקלט אין ברודיקע שמאַטעס. די שטאַרצנדיקע באַקן־ביינער אָנגעצויגן מיט אַ דורכזעיק געלן פּערגאַמענט. די אויגן – צוויי פּראָסטיק שוואַרצע קוילן־שטיינדלעך, פֿאַרגראָבענע אין שטערן. עלנט ווי אַ שטיין אין פֿעלד, מורמלט ער מיט פֿאַרטריקנטע ליפּן. שיקט ער אַ ברכה? אַ קללה? בלויז עטלעכע טריט ווייטער שטייט אַ האַרבאַוואַקסענער סקעלעט־מענטש, כמעט גאָלע נאַקעט. אַ פּאַפּיר־דינע הייטל האַלט צוזאַמען זיין קלעטקע ריפּן. ווי אַ ביינערנע סטאַטוע שטייט ער און אין די אויגן פֿינקלען אים אייזטראָפּנס. אין זיינע פֿיס קלאַמערט זיך אָן אויסגעדאַרט ייִנגל, אַן איינציקער איבערבלייב פֿון אַ חרובער וועלט. דאָס ייִנגל כליפּעט: "טאַטע... טאַטע..." און קושט דעם טאַטנס געלע הויט מיט קינדישן צער. דער טאַטע פֿליסטערט אין ייִנגלס אויער: "לויף, מיין קינד, צו די באַפֿרייער... קוק זיך ניט אום..."

צווישן די געבליבענע אין עק וועלדל, אויפֿן פֿעלד, איז אויך דער איטאַליענישער קאַטוילישער גלח, אין געשטרייפֿטע קאַצעטלער־בגדים, ווי די ייִדן דאָ. מיט פֿאַרגלאָצטע אויגן צום הימל, פּרעפּלט ער אַ תּפֿילה פֿון דאַנק און לויב צום האַר יעזוס. אַ פּאָר טריט ווייטער מאַכט אַ ייִד מיט דבֿקות די ברכה שהחיינו.

פֿון אין דער פֿרי ביז שפּעט אין אָוונט האָט דער קלויסטערגלאָק ניט אויפֿגעהערט קלינגען. ווי ס׳ווייזט אויס, איז עס געווען אַן הכנעהדיקער שלום־אויפֿנעם פֿון דער זיגערישער אַמעריקאַנער אַרמיי און די נייע בעלי־בתּים. דאָס איז בפֿירוש דעמאָנסטרירט געוואָרן אין שפּיל, ווי גוט געאיבט דייטשן זענען אין בייטן געטער און פֿענער. אַלע הייזער־פֿאַסאַדן זענען געווען דעקאָרירט מיט פֿאַרשיידן־מאָסיקע שלום־פֿענער. זיי זענען געהאַנגען אין אָן־ווינטיקן טאָג ווי שמאַטעס, און מיט דעם אפֿשר נאָך מער סימבאָליזירט רעזיגנאַציע.

ער איז געשטאַנען צווישן מנין ייִדן ביי דער קבֿר־גרוב און מיט אַ פֿאַרפֿינצטערט געמיט זיך צוגעקוקט, ווי די דייטשישע אַרבעטער האָבן שנעל צוזאַמענגעפּאַקט די טויטע ייִדן, נאָך אין זייערע פֿאַרבלוטיקטע און שמוציקע בגדים, אין גרוב. אין

מוח האָט אים געגריזשעט, ווי אַ גיפטיקער טשאַד, דער געדאַנק: מען האָט זיי געדאַרפט מטהר זיין, און מקבר זיין ווי יידן, אין תכריכים. אָבער - די שלום־תכריכים הענגען פון זייערע בוידעם־פענצטער, אויף לאַנגע דרענגער... צו די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן האָבן זיי געוווּנקען מיטן געבעט פון שלום. און אונטערן פרילינג־הימל נאָך איין פרישער קבר פון אַ טויט פאָלק. ס'פאַלן הרודעס ליימערד, אין זונשטראַלן צעפינקלט. גיך ווערט דער טאָג פון פרייהייט דאָ אין גרוב פאַרשאָטן. דעם טונקעלן פלעק קלאַפּן די דייטשן צו מיט דער פלאַך פון זייערע גראָב־מכשירים. זיי איילן זיך אַהיים, נעמענדיק די לאָפּעטעס און רידלען אויף זייערע פלייצעס, ווי זעלנער די ביקסן. זיי האָבן אַ היים... איבערן קבר זאָגן די יידן קדיש, מיט טרערן אין האַרצן. די באַקאַנטע ווערטער בריען אין קעל.

ער איז געבליבן אַליין ביים אָנגעהויפּטן בערגל ערד. זיין פייכטקייט בלינצלט קעגן זון ווי קאָליריקע שטערנדלעך. אַ גליטשיק געלער וואָרעם קריכט אים ביי די פיס. די שטילקייט אַרום צעקלינגט זיך אים מיט רעש אין די אויערן. דער וואָרעם האָט זיך שוין איינגעגראָבן מיטן פּיסק אין דער פעטער ערד, וווּ אונטן ליגן די יידישע ייִנגלעך, אָן נעמען, דער פרילינגטאָג האָט זיי פאַרשלייערט מיט טויט, ביי זיין אויפגיי.

אַ צעוויייטיקטער זוכט ער אין זיך אַ ציטער־דערמאָנונג פון נעכטן, אַ שפּרינקל היימליכט. אָבער דער קבר דאָ פאַרשטעלט אים די שיין. ווי גייט מען אַוועק פון דאָ? עקבערט אים די פראַגע, ווי דער וואָרעם וואָלט אַרומגעקראָכן אין זיין צעפּריעטן מאַרך. נאָך גוט וואָס דער יצר הרע האָט אים ניט באַוועלטיקט און ער האָט ניט געגלוסט צו זייערע מיליטערישע מלבושים אין פראַכטוואַגאָן, וווּ זיינע קאַצעטלער און אַפילו ציווילע דייטשן האָבן זיך געמאָסטן און אַוועקגעשלעפּט פולע זעק. דער צעלעכערטער רעקל און די שליווערס בינדן אים נאָך צום עבר, ווו ער געהערט. מיט שווערקייט שטעלט ער זיך אויף. אויך די בלוט־דורכגעווייקטע ערד וויל אים ניט אָפּלאָזן. ער טוט זיך אַ ריס ווי פון אַ קייט: ער מוז קומען צו אַ ניי לעבן! געדאַנקען, ווי רויטע שטערנדלעך, בליצן אים אויף אין קאָפּ. ער בעט: זאָל נאָר דער גלאָק זין ווידער ניט צעקלינגען. ער געדענקט ווי אויף די שטיקנדיק־שמוציקע פּריטשעס האָט מען זיך אויסגעמאָלט דעם חלום פון מאָרגן. די בענקשאַפט צו גאולה האָט געפאָרבן דעם קאַצעטישן נשמה־לייוונט מיט אַ מונטערדיקן מאָטיוו: אויסהאַלטן! און דער שופר של משיח האָט זיך געקוואַפּעט אויף אַ קוצו של חרות: דערלעבן די רגע פון פרייהייט. און אָט איז זי, די אָפּגעציטערטע רגע, פאַרשאָטן מיט לאָפּעטעס דייטשלאַנד־ערד אין אַ קבר. און ווידער מוטשעט אים די שאלה: ווי צובינדן אָט דעם פרילינגטאָג מיט דיין לעבעדיקן שריד? מיטן נעכטן?

ער געדענקט שוין ניט ווי דאָס האָט פּאַסירט, נאָר ער האָט פּאַמעלעך אַוועקגעשפּאַצירט צו אַן אומבאַקאַנטער ווייט. קיין לעבעדיק נפש האָט ער ניט באַגעגנט. ער איז געווען פאַרמאַטערט און זיך אַרומגעקוקט ווו ער וואָלט זיך קענען ווי געהעריק אָפּרוען. ניט מער זיצן אָדער ליגן אויף דער הוילער ערד. פּלוצלינג האָט ער באַמערקט, אַז ער שטייט טאַקע ביי אַ באַנק. ער האָט זיך געוווּנדערט, ווי אַן אומגעזעענע האַנט וואָלט אים אונטערגעטראָגן אַ טייערע מתנה. ער האָט זיך געזעצט און געפילט, ווי אַ ווווילע גוטסקייט נידערט אַראָפּ איבער אים, דער פרילינג־הימל איבער זיין קאָפּ האָט זיך אויפגעעפנט ווי אַ

גרויסע ווייסע בלום. צוויט האָט זיך געשאָטן ווי אַ בלאָלעכער שניי, אָבער ס'איז געווען מחיהדיק וואַרעם און די לופט זיס־שמעקעדיק. ער האָט געטראַכט: ווי קען ער ווייטער גיין, ניט צעטרעטנדיק די איידענע בליטן. סאַמעט־ווייכע פינגער האָבן אַריינגעשפּריצט כישוף־טראָפּנס אין זיין האַרץ, וואָס האָט אויפגעציטערט מיט פרייד, אָבער ער האָט קיין פּנים ניט געזען. האָט ער געפרעגט סתם, אין דער פוסטקייט: "ווער ביסטו?" און אַ קול האָט אָפּגעקלונגען: "איך בין מאַמע לעבן". – "אויך מיין מאַמע?" – "יאָ, טאַקע דיינע... און איצט וואַך אויף". און הינטער די פאַרשלאָסענע וויעס האָט ער געזען אַ זילבער־שאָטן שוועבט אַוועק.

אין זיין ברוסט האָט געצאַפּלט אויפגעוועקט לעבן. נעכטיק־יאָריקע רעפלעקסן האָבן אין זיין פאַרדאַרטן גוף געוואַנדערט, זיך געשפּיגלט דורך די אויגן. ער האָט דערפילט אַ יונגע לייכטקייט, ווי פליגלען וואָלטן אים אָנגעוואַקסן. אָט הייבט ער אָן פליען: עס טראָגט אים צוריק צו אַ פאַרבליטן עבר –

1936. ריגע. ער פאָרט צו דער פאָרשטאָט "רויטע דווינע", צו דער יידישער פרוי מיט איר דייטשישן מאַן. די זון שיינט מיט האַרבסטגאָלד, וואָס פליסט אים איבער חיותדיק אין די אָדערן. און איצט, באַלד צען יאָר שפּעטער, טוט אים אַן אימפּולסיווער שטויס אַ טראָג, ווי ס'וואָלט זיך פאַרמאָסטן אים אַראָפּשליידערן אין ערשט נעכטיקן תהום פון אומקום, און ער גיט זיך אַ כאַפּ אָן ביים רימען, וואָס גאַרטלט אַרום זיינע לענדן, ווי ער וואָלט זיך אָנכאַפּן אין אַ רעטונגרייף אויף אַ צעשטורעמטן ים. טאַקע דאָרטן, אין ריגע, ביי זיי אין געשעפט, האָט ער דעם רימען געקויפט. איצט האַלט ער צוזאַמען די צעקאָדערטע אָן־קנעפּלדיקע מאַרינאַרקע. ער גלעט אים מיט ליבשאַפט ווי אַן אַלט־געפונענעם חבר. אין קאַצעט איז עס געווען די קמיע וואָס ער האָט געהיט ווי זיין ברעקל לעבן. ער האָט אים אונטערן האַרצן געטראָגן, ווי אַ מאַגישן רינג. וואָס קלאַמערט אים צוזאַמען מיט אַ היים, אַ יוגנט, אַ נעכטן, קיינער האָט ניט געטאָרט וויסן, אפשר גאָט אויך ניט, אַז ער איז באַגליקט מיט אַזאַ אוצר. די קאַפּאָס און סתּם "שטאַרקע", האָבן געניוכעט צו דערשמעקן אַזאַ טייערן חפץ. מיט ציטערנדיק פינגער צערטלט ער דעם רימען און ווי אין אַלאַדינס צויבערלאָמפּ, וויקלט ז... אויף די פּאַנאָראַמע פון יענעם פאַרשאָלטענעם זומערטאָג, אין אַרבעטסלאַג... דאַכאַר־קאַופערינג, ווו ער איז טראַנספּאָרטירט געוואָרן. טאַקע דאָ, אויף ד... נאָענטסטער סטאַנציע, איז עס געשען...

עטלעכע פאַרדאַרטע גרעזלעך אויף ליידיקן, שטיין־האַרטן באָדן. אין ... ווייט אַ שיטערע שורה קאָנוס־פּאָרמיקע, גרינע קאַרטאָן־באַראַקלעך. ער ... אין דער ריי צום טיש, אין דער שרפעדיקער היץ פון יולי טאָג, ווו עס ... אונטער אַ שירעם־שאָטן דער לאַגער־פירער. שוין איבערגעמאַלפּעוועט אין ... קלאָון־אוניפאָרם פון פאַסקעוואַטן לייוונט, לייגט ער אַרויף אויפן טיש ... ציווילע בגדים און דאָקומענטן. מיט איין האַנט האַלט ער צו די ברייטע פּלו... זיי זאָלן זיך אים ניט אַראָפּגליטשן צו די נאַקעטע פיס. דער שטורעם־פ... קוקט אים אָן מיט מייזיש־שפּיציקע אייגעלעך און ציט אַרויס פון פעקל ... רימען, און וואַרפט אים צו מיט אַ ציניש שמייכעלע: "דאַ, צו האַלטן ד... בעשיסענע האָזען..." און ער טראַכט אין דעם מאָמענט: צוזאַמענצוהאַלטן ... לעבן. און אין האַרצן צעוויגט זיך דער אַלטער יידישער בטחון:

(המשך ...)

# שמועס צווישן שורות

## רבקה באַסמאַן בן־חיים

### "בייקומען די וועגן"
**צו משה שקליאַר**

אַ סימן, אַז מיר האָבן עס געטאָן.
פון וועג צו וועג אָן זון, אָן שיין,
ווען ניט וואָלט היינט פון דעמאָלט אָן
קיין טרעריק וואָרט אין שורה ניט אַריין

און ניט אַרויס צו זוכן אונדזער שפּור
אים אָפּגעפּינען ערגעץ ווו אין שניי
צי אין אַ זומער־נאַכט וואָס גלעט דעם צער,
אַ זומער־נאַכט וואָס גלעט אין אונדז דעם וויי,

איך ווייס נאָך אַלץ ניט ווי מיר האָבן עס געטאָן,
דער טאָג פאַרשטעלט זיך אין אַן אַנדער זיין,
און היינט, אַז מיר דערמאָנען זיך "פון דעמאָלט אָן",
ווי ס'וואָלט ניט אמת אונדזער לעבן זיין -

נאָר מיר, עקשנותדיק מיט יעדן גליד
דעם סוף פאַרשרייבן מיר פאַרקערט,
און זינגען צו דעם אָנהייב פון אַ ליד,
וואָס גייט מיט אונדז דורך אַלע וועגן אויף דער ערד.

## משה שקליאַר

### גלי פון וואָרט
**פאַר רבקה באַסמאַן בן־חיים**

"אָ, גלי פון וואָרט,
פון תוכן חכמה...
אַ מוזיקאַלע אָרדנונג
זיי פאַראייניקט"

**נאָרוויד**

די וועטער דורכגעגליט
אין חכמה און אין וויי
זיי ווערן ליד,
און פּילסט אין זיי
דעם ציטער פון אַ האַרץ,
דעם פליסטער פונעם בוים,
דעם שטילן פידל־קלאַנג

און דעם טרוים
וואָס איז געגאַן פאַרלאָרן;
דו פילסט אין זיי
דאָס פאַרגייענדיקע גליק
און די מוזיק
פון ווערטער דורכגעגליט
אין חכמה און אין ווייַ
ווען זיי ווערן
ליד.

## ביים אָפענעם פענצטער

* * *

אויף יענער זייט פענצטער די שפּיציקע בערג
שניידן אַריין זיך טיף אין די כמאַרעס,
באַלד וועט די זון אין איר רויטן פאַרגיין
אָנצינדן פייערן צווישן די שפּאַרעס

און ביסלעכווייז וועט זיי פאַרלעשן די נאַכט -
ווי אַ פאַרהאַנג דאָס פענצטער פאַרדעקן
און מיר וועלן ביידע - איך און די נאַכט
וואַרטן די זון זאָל אונדז וועקן.

* * *

אויסגעווישט פון אויגן שוין די נאַכט,
נאָר זי הענגט נאָך אַלץ ערגעץ אַ שטומע
צווישן באַרג־שפּיצן און וואַרט און וואַכט
אויף ווידער קומען.

און כ'ווייס נישט וואָס זי ברענגען וועט מיט זיך,
וועלכע חלומות - גוטע, שלעכטע -
וועט זי אַריין אין מיינע אַלטע שיך
און מיך פאַרטראָגן צו די נעכטנס?

* * *

נעכטנס, ווי הענגענדיקע בריקן,
איז נישט לייכט אַריבערפּויזען,
דו פרווּוסט זיך האַלטן ביי די שטריק און
ס'ווערט די האַנט אַלץ שוואַכער, לויזער.

אַט דאַכט זיך דיר באַלד וועסטו פאַלן
און קיינער וועט צוריק נישט ברענגען,
און דו וועסט ווערן ווו פאַרפאַלן -
צווישן נעכטנס בלייבן הענגען.

מ. אײזענבוד / מעלבורן

# אויף דערװײל...

## (דערצײלונג)

די פּליטים זענען געװאָרן גאַנצע מײסטערס פון לעבן אויף דערװײל. האָט זיך נאָר דער עשעלאָן אָפּגעשטעלט ערגעץ װוּ, אַ באַן־סטאַציע אָדער אַ װיסט פעלד - אַלץ אײנס - זענען שוין געשטאַנען דרײ ציגל, אַ טעפּל איבער זײ; אַ פײערל האָט געברענט און דערװײל האָט זיך עפּעס געקאָכט. מען האָט געװאַשן װינדעלעך און געצװאָגן קינדערישע קעפּלעך. אויף אַ שטריק איבערן װאַגאָן־פענצטערל האָבן זיך געטריקנט ספק מענערישע, ספק װײבערישע, היפּש אָפּגעטראָגענע אונטערװעש. און װײל קײנער האָט ניט געװוּסט װוּ ער װעט מאָרגן אָנשלאָגן - האָט מען געלעבט װי עס מאַכט - זיך אויף דערװײל.

* * *

מיט אָט דער לעבנס־חכמה זענען די פּליטים פון רוסלאַנד, איבער פּױלן, אָנגעקומען אין די דײטשישע לאַגערן, װאָס עפּעס אַן אַמעריקאַנער דאָרטן, האָט זיך פאַרגלוסט אָנצורופן: "דיספּלײסט פּערסאָנס קעמפּ". אָבער אַזױ װײט האָבן זיך יידן ניט געקימערט. אַרױס פון רוסלאַנד, און אַבי װײטער. זײ האָבן בײ די דײטשן דערשנאַפּט אײזערנע אויװעלעך, אויף װעגעלעך זײ געבראַכט אין לאַגער אַרײַן; זיך אײַנגעשאַפּט כלים, דורכגעהאַקט די גראָבע, בעטאָנענע קאַזאַרמע־װענט און אַרױסגעלאָזט רערן אין דרױסן. קוימענדלעך רויך װי אַ סימן פון לעבן. עס האָט דען װער געװוּסט װי לאַנג מען װעט אַזױ אַרײנזיצן אין די לאַגערן? עס איז שוין געװען אַ זעג און אַ האַק, און מ'האָט געזעגט גראָבע באַלקנס פון שטאַלן, װוּ אַ מאָל זענען געשטאַנען די קאַװאַליריע־פערד. די באַלקנס צעהאַקט אויף קורצע שטיקלעך - זײ זאָלן אַרײנפּאַסן אין די אויװעלעך אַרײן. זאַלבעאַכט, זאַלבעצענט אין אַ צימער - פאָרפּעלקער מיט קינדער, יעדער אין זײן װינקל - מען האָט געלעבט אויף דערװײל.

* * *

מיטן פּליטים־שטראָם איז זאַװל גרושקין אָנגעקומען אין לאַגער אַרײַן. אַ קלײנער. אַ דאַרער מיט אַ שפּראָץ פון װאָנצעלעך אונטערן נאָז; אַ רירעװדיקער. אַ זשװאַװער. מיט אַ מױל אויף שרױפן - האָט מען אים תמיד דערהערט און נאָכער ערשט דערזען.

זאַװל גרושקין האָט מיטגעבראַכט פון פּױלן אַ לאַנגן בריװ פון צענטראַל־קאָמיטעט פון אַ פּאַרטײ, פאַרזען מיט זיגלען און געציקטע חתימות, װאָס באַאויפטראָגט צום אויפצושטעלן אַ חלוצים־קיבוץ, װאָס װעט שפּעטער עולה זײן.

צוזאַמען מיט זײן פרוי, אגב - אַ ניט מיאוס װײבל, אַ שטאַלטנע, מיט אַ געשײַנצטער פיגור, אַן אָנגעזױענעם בוזים, האָט זי געקאָנט זײן היפּשלעך ייִנגער פון אים. זײ האָבן זיך גלײך אײַנגעקװאַרטירט אין אַ צימער. װאָס האָט פאַרמאָגט אײן פענצטער אינדרױסן און אײן טיר אין לאַנגן קאַזאַרמע־קאָרידאָר אַרױס. אָבער פאַר זיך אַלײן. פּריװאַט, צום שלאָפן מיטן װײב אַלײן אין אַ צימער, איז

נאָך דער לאַגער־ייִד ניט דערגאַנגען, עס איז נאָך אַלץ צוגעגאַנגען ווי אַ מאָל אין די באַראַקן... טיפּפלושקעס... עשעלאָנען...

אַזוי שנעל ווי גרושקין איז אַריין אין לאַגער־קאָמיטעט, אַזוי שנעל האָט ער איינגעזען, אַז דער תכליתדיקער אַמט - איז דער פאַרפלעגונגס־אַמט. ווען ייִדן זענען נאָך געשטאָרבן פאַר אַ ציגאַרעט מאַכאָרקע, אויסגעגאַנגען פאַר אַ צי - האָט שוין גרושקין גערויכערט אַמעריקאַנער "קעמל" ציגאַרעטן. וואָרעם דורך זיין האַנט זענען דורכגעגאַנגען די "אונראַ"־צוטיילונגען; די זאַפּאַסן - איבערגעבליבענע פון דער אַמעריקאַנער אַרמיי און די "דזשאָינט הילף". בייטאָג איז זאַוול גרושקין געווען פאַרטאָן מיט אַרומשמייען אין די מאַגאַזינען, באַזעצטע מיט מענטשן פון זיין פאַרטיי.

ביינאַכט - זיצונגען, באַראַטונגען. אַ שטאָט מיט ייִדן צו פאַרזאָרגן...

גרושקינס שכנים איבערן וואַנט זענען געווען די "ברידערלעך". אַזוי האָט מען גערופן די דריי צעוואַקסענע, געזונטע בחורים, וואָס זענען מיט טאַטע־מאַמע אָנגעקומען פון ערגעץ ווו טיף רוסלאַנד און געקנאַקט "פּאָני" מיט אַלע קנייטשעלעך... יעדן טאָג איז אַן אַנדערער געגאַנגען אין דער אַלגעמיינער קיך אַריין ברענגען מיטאָג, אַ קעסעלע קאַשע, אַ פּאָר ברויטלעך. נאָר דער ייִנגסטער, סאַשקע, ווען ער פלעגט גיין נאָך זיין ריי - האָט ער אויך מיטגעבראַכט די אויסגאַבע פאַר די גרושקינס, און דערווייל האָט מען זיך צונויפגעלעבט. סאַשקע האָט געוווּסט, אַז גרושקין גייט אויף זיצונגען פון קאָמיטעט פון דער פאַרטיי - זיצונגען וועלכע פאַרציען זיך נאָך האַלבער נאַכט. אַ וויכטיקער מענטש; אַ קלייניקייט, זאַוול גרושקין.

- מעגסט אַריינקומען - האָט סימעלע מיט כמעט שמייכל געזאָגט צו סאַשקען - מ'האָט ניט מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורײדן.. מ'עט דיר ניט אָפּבייסן... סאַשקען האָט מען קיין פינגער אין מויל ניט געדאַרפט אַריינלייגן. די סמיקאַלקע האָט ער גיך געכאַפּט. און אַ חוץ אַלעמען, איז אים סימעלע געפאַלן אין אויג אַריין.

סימעלע האָט זיך שוין מער ניט געברוגזט אויף זאַוולען, וואָס ווערט פאַרפאַלן אויף גאַנצע נעכט. - דערלייגסט עפּעס דערצו? - האָט ער איר איבערגעפרעגט - אייביק וועט מען דאָך אין לאַגער ניט זיצן, און ערגעץ ווו מוז מען שווער אַרבעטן אויף די פּאָר דאָלער... און כל זמן עס לאָזט זיך...

* * *

סאַשקע און סימעלע האָבן פאַרגעסן, אַז אַזאַ מענטש ווי זאַוול גרושקין עקסיסטירט איבערהויפּט. אַ מענטש מיט אַ פּאָזיציע און מיט אַלע רעכט פון אַ מאַן. וועלכער קומט אַ היים שלאָפן אין זיין פאַמיליע־בעט. פון אָנהויב איז מען געווען פאָרזיכטיק. אָפּגעהיט די צייט, סאַשקע זאָל זיך ניט פאַרזאַמען. בייטאָג זיך אַריינגעכאַפּט - געטאָן אַ פאַרריגל די טיר און סימעלע - ווי די מאַמע האָט איר געהאַט, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט. פון דער צאַרטער ראַזקייט האָט סאַשקען אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן, ווען ער האָט דערזען דאָס שוואַרצע פלעקעלע, וואָס איז ווי אַן אַרבעס געזעסן אויף אַ געווויסן אָרט.

דאָס האָט מיר מיין מאַמע מיטגעגעבן, דו זאָלסט מיך דערקענען פון הינטן - האָט זי סאַשקען פאַרטייטשט דעם מיין פון פלעקעלע אויף דעם אָרט... אַריינגעכאַפּט

זיך אויף אַ ווייל, ווי אויסטרינקען אַ גלאָז טיי. אין די נעכט - אָפּגעהיט די צייט, איידער זאָול קען אָנקומען. עפּעס האָט זיי געצויגן צו זיך, און גלייכצייטיק איז געווען אַ מחיצה צווישן זיי. ס'איז זיי גוט געווען אין דער דערוויילִיקייט. נאָר צו אַלעם ווערט מען צוגעווינט. פאַרנומען מיט זיך. האָבן זיי אַלץ פאַרגעסן - ערשט דער קלאַפּ אין טיר האָט דערמאָנט, אַז דער באַלעבאָס איז דאָ. די טיר איז געווען פאַרריגלט פון אינעווייניק און סאַשקע האָט נאָך געהאַט צייט זיך צו פאַרשטעקן, וואָרעם אַנטרינען האָט מען ניט געקאָנט.

אונטערן בעט איז געווען ענגלעך און דושנע. און סאַשקע, וואָס איז געווען אַ היפּשער בחור, האָט זיך קוים אַריינגעפּאַסט.

פון גרושקינען האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון ציגאַרעטן־רויך און מענטשלעכער שווייס. וואָס האָבן אָנגעפּילט דאָס צימער, ער האָט זיך לאַנגזאַם אויסגעטאָן, און דערווייל גערעדט, ווי די זיצונג וואָלט נאָך אַלץ אָנגעגאַנגען:

– גיב זיי אַ חלק פון די "נשמות"... יעדער קיבוץ האָט "נשמות"... יעדע פּאַרטיי האָט "נשמות"... האָט זיך דעם נבלה, דעם פּרעזעס, פאַרגלוסט צו וויסן: וויפל "נשמות" האָבן מיר - ער האָט אַ חשד, אַז מיר האָבן אים איבערגעכיטרעוועט. און אָט קומט שוין אַ טראַנספּאָרט מיט קאַווע און ציגאַרעטן, און דאָס איז היינט מיט גאָלד צו גלייך און עס וועט באַלד אַפילו אין לאַגער ניט אַריין - מ'האָט שוין אַ קונה פאַרן דייטשן מאַרק - ווייל ער פּראָצענטער מער וויפל מיר האָבן אָפּגעמאַכט - געקומען פון פּוילן אָן הויזן... ווינט אין אַ ווילע מיט אַ דינסט... ער האָט דערלייגט צום געשעפט...

סאַשקע האָט פאַרגעסן, אַז ער באַהאַלט זיך דאָ אויס, אַז ער דאַרף וואַרטן ביז זאָול וועט אַנטשלאָפן ווערן. אַניט קאָן ער סימעלען אָנטאָן צרות, וואָרים פאַר זיך אַרט אים ניט. זאָוולען קען ער מיט איין פינגער צען מאָל איבערדרייען, און מיט די איבעריקע ניין אויסציילן זיינע ביינער... נאָר ער האָט עס אָפּגעלייגט ביז מאָרגן... ער האָט דערשנאַפּט, אַז די קאָמיטעט־חברה מאַכן אַ "לינקן" דאָלער - אָבער אַצינד האָט ער עס געהערט מיט זיינע אייגענע אויערן.

זאָול האָט זיך אַ נורע געטאָן צום ווייב. זיין ווייב. זי איז געווען וואָרעם, ווייך און נאָכגיביק. סאַשקע האָט דערפילט, ווי דאָס בעט איבער אים נעמט ציטערן, דערפילט דאָס שווערע אָטעמען פון מענטשן, דערנאָך איז שטיל געוואָרן. זיינע אָנגעשטרענגטע נערוון האָבן נאָכגעלאָזן און אויך ער האָט גענומען דרימלען ווען די טיר האָט לייכט אַ סקריפּע געטאָן. ער האָט אַ ווייל געוואַרט, זאָול גרושקין איז געשלאָפן מיטן רויקן שלאָף פון איינעם, וואָס האָט אַ ריינעם געוויסן. פלינק ווי אַ קאַץ, אויף אַלע פיר און שטיל ווי אַ שאָטן, האָט זיך סאַשקע אַרויסגעשלייכט פון צימער...

* * *

צומאָרגנס האָט זיך צעשפּילט די יוכע. פאַרן לאַגער־קאָמיטעט זענען געשטאַנען רעדלעך. יידן זענען אַריין און אַרויס פון די ביוראָען, וועלכע זענען אַצינד געשטאַנען הפקר־אָפן, ווי ס'וואָלט דאָרטן געלעגן אַ מת. די "ברידערלעך" האָבן אין די קרענצלעך צווישן עולם ווידער אַ מאָל און אָבער אַ מאָל דערציילט די משעה מיט דער צוטיילונג פון קאַווע און ציגאַרעטן, וואָס דער קאָמיטעט האָט פאַרקויפט.

אַבקע "קראָכמאַלניק" האָט מיטן פויסט געזעצט אין פּרעזעס טיש, און יעדן זעץ באַגלייט מיט אַ "בראַנד אין די געדערים!" מחמת ער האָט געמאָנט יושר, און ווייל קיין יושר האָט מען ניט געוואָלט צוטיילן, איז נויטיק געווען אָט דער "בראַנד אין די געדערים"...

– ווייניק וואָס די דייטשן האָבן אונדז אומגעבראַכט – אַ בראַנד זיי אין די געדערים – ווייניק וואָס "פּאַניע" האָט געזויגן די קליי פון די ביינער – אַ בראַנד אין די געדערים – נעמט איר אונדז אַוועק דעם ביסן פון מויל!

דאָקטאָר פּראָשקין, צוגעטוליעט צום וואַנט, האָט געפּלאָטערט ווי אַ בלעטל אין ווינט. ער האָט פון זיך קיין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסקריגן. ער האָט זיך דערפילט ווי אויף צעשטורעמטע כוואַלעס און געזוכט אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן... וואָרעם אַבקע "קראָכמאַלניק" איז ניט געווען אַליין. אַרום זענען געשטאַנען יידן און פאַרלאַנגט אַ חשבון.

צו קיין בלוט-פאַרגיסונג איז פון דעסטוועגן ניט געקומען.

די קאָמיטעט-מיטגלידער, פאַרשטעקט ווי צעשראָקענע האָזן, זענען דורך זייערע בוזעם-פריינד ווי ניט איז דערגאַנגען, אַז דאָס האָט גרושקין אַרויסגעלאָזט די קאַץ פון זאַק און געבראַכט צו דער איבערקערעניש.

ס'אַ ליגן – האָט גרושקינען געוואָרפן די ניכפּע. – אָט מאַך איך פון די "ברידערלעך" אַש און בלאָטע, אַז זיי וועלן האָבן צו געדענקען...

מיט די הענט אין די טאַשן, ברייטלעך צעשטעלט, זענען די "ברידערלעך" געשטאַנען אַנטקעגן גרושקינען.

– סאַשקע איז געלעגן אונטערן בעט טאַקע נעכטן ביינאַכט – און אַלץ געהערט...

איר ווילט מיר איינריידן, אַז סאַשקע איז פריער געלעגן אין בעט? – האָט זיך גרושקין געמאַכט הארץ און זיך אָנגענומען מיט חוצפה.

– סאַשקע האָט אַ סימן – דאָס פלעקעלע אויף יענעם אָרט... דו ווייסט דאָך יאָ, זאַוועלע – זענען די "ברידערלעך" געוואָרן מיט אים היימיש, גערעדט משפּחהדיק.

גרושקינען האָט עס אַ טראָג געטאָן. ס'האָט אים פאַרפעלט לשון. ער איז אַריינגעלאָפן צו זיך און אַ זעץ געטאָן מיטן טיר...

אַלץ איז טאַקע געווען אויף דערוויל. אָבער דערוויל האָט זיך געטאָן חושך.

---

(סוף ז' 38)

אַ גוטער סימן! און אָט די צווי ווערטער האָבן איצט ווידער אויפגעבליצט אין זיין זכרון, ווי זיי וואָלטן זיך דורך די חורבן-יאָרן צו אים אָנגעיאָגט און העלפן איבערדערציילן אים נאָך אַ מאָל דעם סוד פון לעבן.

און אין דער נאַכט, שוין לייגנדיק זיך שלאָפן אין אַ בעט, צווישן זיינע יידן, האָט ער דעם רימען פון זיין לייב אַראָפּגענומען און אים אַוועקגעלייגט ביי זיך צוקאָפּנס. און ווי יעקב אָבינו אויפן שטיין, האָט ער זיין קאָפּ אויף אים אַוועקגעלייגט און געחלומט: זיינע נעכטנס און מאָרגנס גייען אַרויף און אַראָפּ, אין דער לאַנגער קייט פון יידישע דורות אויפן לייטער פון לעבן ---

משה זאַלצמאַן

# מרדכי געבירטיג און דאָס יידישע פאָלקס-ליד

**מרדכי געבירטיג איז דערמאָרדעט געוואָרן מיט 65 יאָרצוריק, דעם 4טן יוני 1942, דורך די נאַצי-באַנדיטן.**



שוין ביי זיין לעבן, זענען די לידער פון דעם באַשיידענעם סטאָליער-אַרבעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּאָפּולערע פאָלקס-לידער, אָבער ערשט נאָך זיין טויט איז ער געוואָרן דער טרובאַדור פון קוואַליטאַטיוון יידישן פאָלקס-ליד. זיין אמתער פאַמיליע-נאָמען איז געווען – בערטיג. געבוירן דעם 4טן מאַי 1877 אין קראָקע, אין יידישן קוזמיר-קוואַרטאַל, איז ער געגאַנגען אין חדר און גאָר יונג אָנגעהויבן אַרבעטן אַלס סטאָליער, אָבער זיין נשמה איז געווען פון אַ קינסטלער; געהאַט אַ שטאַרקן אינטערעס פאַר מוזיק, פּאָעזיע און טעאַטער. ער האָט די אַלע קונסט-צווייגן אָנגעווענדט און זיין לעבן, געשפּילט אויף אַ פאַסטוך-פלייט, געשריבן לידער, געשפּילט טעאַטער, געווען אַ פאָלקס-קינסטלער.

צוזאַמען מיטן יידישן נאַציאָנאַלן, סאָציאַלן רענעסאַנס, האָט זיך דערוועקט אַ גאָר באַזונדערער דראַנג צום יידישן פאָלקס-שאַפן, צו יידישע פאָלקס-לידער, צו יידישע ניגונים. דער געלערנטער אהרן יעלעניק האָט דעפינירט: "די אינעווייניקסטע געשיכטע פון אַ פאָלק שפּיגלט זיך אָפּ אין זיינע לידער. פאָלקס-לידער זענען געגליכן צו קונסט-עקספּאָנאַטן אין אַ מוזיי. יעדעס ליד איז ווי אַ קונסט-בילד פון דער פאַרגאַנגענהייט. די פאָלקס-לידער פון מזרח-אייראָפּעישן יידנטום האָבן אָפּגעשפּיגלט אַלזייטיק דאָס יידישע לעבן, אַלע אָפּשניטן פון טאָג-טעגלעכן לעבן: קאַמף פאַר קיום, דערציונג פון קינדער, שפּיל און טאַנץ, תורה לערנען, ליבע און חתונה, רעליגיע און פילאָסאָפיע, הומאָר און סאַטירע. היסטאָרישע געשעענישן און סאָציאַלע פּראָבלעמען".

צווישן די ערשטע זאַמלערס פון יידישן פאָלקס-ליד איז געווען יצחק לייביש פּרץ. פּרץ האָט געהאַט אַ באַזונדערע באַציונג און שאַרפן געהער צום יידישן פאָלקס-געזאַנג, וואָס גאָר ווייניק פון אונדזערע דיכטער האָבן עס פאַרמאָגט. שוין אין יאָר 1896 האָט ער געהאַט צוגעגרייט צום דרוק אַ זאַמלונג פאָלקס-לידער. אין יאָר 1898 איז אַרויס אַ ווענדונג אין דער יידישער פּרעסע אין רוסלאַנד פון די יידישע קולטור-מענטשן אין פּעטערסבורג פסח מאַרק און שאול גינדזבורג, וועגן זאַמלען יידישע פאָלקס-לידער. אין 1901 איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין פּעטערסבורג אַ קאָנצערט, געווידמעט יידישע פאָלקס-לידער, אָנגעפירט פון דעם פאָטער פון דער מאָדערנער יידישער מוזיק, דעם גרויסן קאָמפּאָזיטאָר יואל ענגעל. אין וואַרשע און אין פּעטערסבורג האָט מען זיך געגראָבן אין פאָלקס-קוואַלן און מיט דער הילף פון זאַמלער זיך באַמיט צו דערקלייבן צו די פאָלקס-לידער.

אין דער זעלבער צייט האָט שלום עליכם זיך אָנגעשלאָגן אויף אַ גאַר אייגנאַרטיקער דערשיינונג; ער האָט אַנטדעקט אַן אָרגינעלן פּאַרפאַסער פון יידישע פאָלקס־לידער, וועלכער איז ווייט נישט געווען קיין פּשוטער פאָלקס־מענטש. ער האָט פּאַרמאָגט הויכע אוניווערסיטעט־בילדונג, געלעבט פיל יאָרן אין אַן אַסימילירטער סביבה, ווייט פון יידישע פאָלקס־מאַסן. דאָס איז געווען דער אַדוואָקאַט מאַרק וואַרשאַווסקי. ער האָט דערקלערט שלום־עליכמען, אַז ער האָט נישט קיין צייט אָפּצוגעבן זיך מיט ליטעראַטור, נאָר ווען ער האָט צייט זינגט ער אַ יידיש ליד פון זיין אייגענער שאַפונג, הן די ווערטער און חן די מעלאָדיעס. ווען ער זעצט זיך צו דער פּיאַנאָ, האָט ער געזאָגט, גיסן זיך אויס געזאַנגען, דאָס האַרץ ווערט ביי אים אָנגעפילט מיט פרייד. ער זינגט פון דיליידן און פריידן פון פאָלק.

שלום עליכם האָט אויף אים געווירקט, מען האָט די לידער פאַרשריבן. מיט אים צוזאַמען איז ער אַרויסגעטראָטן אויף פאַרזאַמלונגען פון די חיבת ציון.

נח פּרילוצקי, דער באַוווסטער פילאָלאָג, האָט געשריבן, אַז וואַרשאַווסקיס שאַפן איז געווען ענג פאַרבונדן מיטן פאָלק, מיטן טיפן גלויבן אין אַ בעסערער צוקונפט און פריידיקן געפיל פון אַ שענער לעבן. די לידער זענען אַזוי פּשוט און פּראָסט, נישט געקינצלט, ווי אַ שטייגער: "אויפן פּריפּעטשיק ברענט אַ פייערל און אין שטוב איז הייס, און דער רבי לערנט קינדערלעך קמץ אַלף בית", אָדער שלאָף מיין קינד מיין טרייסט מיין שיינער, שלאָף מיין זונעניו". זיינע לידער זענען אַרויס אין 1906 און אַ יאָר שפּעטער איז מאַרק וואַרשאַווסקי אַוועק אין דער אייביקייט.

אברהם רייזן דערציילט, אין זיין בוך "עפּיזאָדן פון מיין לעבן", אַז זייענדיק אין רוסישן מיליטער אין קאָוונע, האָט ער באַקומען אַ בריוו פון י.ל. פּרצן מיט דער בקשה אים צו שיקן לידער, וואָס ער געדענקט פון די קינדער־יאָרן. רייזן האָט זיך אַוועקגעזעצט אין דער קאַזאַרמע און זיך גענומען דערמאָנען לידלעך, וואָס די מאַמע פלעגט אים זינגען. אַז ס'האָבן זיך אים אויסגעלאָזט פון זכרון אַלע לידער, האָט ער צונויפגערופן די יידישע סאָלדאַטן און זיי געבעטן זיי זאָלן אים פאַרזינגען לידער, וואָס זיי געדענקען. "אַזוי האָב איך צונויפגעזאַמלט עטלעכע צענדליק לידער און זיי צוגעשיקט י.ל. פּרצן".

רייזן האָט פון זיינע פריעסטע יאָרן דערפילט, אַז דער ברונעם פון וועלכן ער דאַרף שעפּן, איז דאָס פאָלקס־ליד; מיטן גייסט פון פאָלקס־ליד איז ער געוואַקסן. דער דיכטער־איבערזעצער מרדכי ליטווין האָט געשריבן, אַז רייזן סימבאָליזירט די יידישע פּאָעזיע, וואָס ציט אירע וואָרצלען פון פלעבעיִשע וואָרצלען און וואָס האָט פאַרפאָלקישט דאָס מיסטישע. זענען טאַקע זיינע לידער געווען נישט נאָר זאָגעוודיקע, נאָר אויך זינגעוודיקע. ס'איז גענוג צו דערמאָנען: "העמערל, העמערל קלאַפּ", "מאַי קא משמע לען", "הוליעט, הוליעט בייזע ווינטן", אָדער דאָס רעוואָלוציאָנערע ליד: "מיר ברעכן, מיר ברעכן די אייזערנע וואַנט"..

אין 1905 אַנטלויפט רייזן פון צאַרישן רוסלאַנד און האָט אויסגעקליבן ווי אַ מקום־מקלט די שטאָט קראָקע, ווו ער האָט במשך פון צוויי יאָר געפירט אַ ברייט־פאַרצווייגטע ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. אין קראָקע האָט ער אויסגעפונען אַן אמתן קוואַל פון אַ פאָלקס־זינגער - מרדכי געבירטיג, אַזוי ווי שלום עליכם האָט אין קיעוו געפונען דעם פריער דערמאַנטן מאַרק וואַרשאַווסקין. נאָך אַ קורצער צייט האָבן זיך צווישןביידע איינגעשטעלט פריינדלעכע ביציונגען.

זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער יידישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און צוזאַמען אַנטוויקלט אַ לעבהאַפטע קולטור־אַרבעט. צו דער זעלבער צייט זענען פון געבירטיגס פעדער אַרויסגעקומען זיינע ערשטע לידער פאַרשריבן אויפן פּאַפּיר.

מרדכי געבירטיג, אַ זון פון דער אָרעמקייט, האָט איינגעזאַפּט אין זיך, מיט זיין טיף פילנדיקער נשמה, דעם געמיט־צושטאַנד פון פרומען טאַטן, פון דער ליידנדיקער מאַמען, די קליינע באַגערן פון דעם אָרעמען קינד, די כסדרדיקע זאָרגן פון די עלטערן פאַר זייערע קינדער, די איידעלע געפילן פון דעם פאַרליבטן בחור, די פּיין פון דעם אַרבעטס־מענטש.

אַ דריי צענדליק יאָר האָט געבירטיג געהאַלטן אין שאַפן זיינע לידער, לידער, וואָס האָבן אָפּגעשפּיגלט, אויף פאַרשיידענע אופנים, די טראַגישע ווירקלעכקייט פון היימען אָן ברויט און אָן אַרבעט, אָן אַ ברעקעלע וואַרעמקייט און מיט אַ שטענדיקער בענקשאַפט נאָך אַ ביסעלע ליכט און גליק; וויג־לידער מיט וועלכע די מאַמע פאַרשלעפערט איר קינד, און די האַרצרייסנדיקע לידער וועגן מלחמה־אינוואַליד.

אין אַ סך פון זיינע ליבע־לידער ציט זיך די נאָטע פון "זיסן" טרויער, וואָס דערגייט אָפט צו פאַרצווייפלונג, צוליב דער ביטערער דאָליע פון דעם יידישן אַרבעט־מענטש. וויפל טראַגעדיע ליגט אין דער ליאַלקע, מיט וועלכער קינדער שפּילן זיך אין טאַטע־מאַמע; די מאַמע זאָגט צום טאַטן: " - אוי גזלן דאָס קינד נעבעך ציטערט פון קעלט און דו קויפסט נישט קיין שיכעלעך פאַר איר". אָדער אין ליד "הוליעט, הוליעט קינדערלעך, כל זמן איר זענט יונג", און אין צענדליקע אַנדערע לידער.

סוף 19טן און אָנהויב 20סטן יאָרהונדערט איז פאָרגעקומען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג אין קולטור־לעבן פון די יידן פון מזרח־אייראָפּע. אַלטע ווערטן האָבן פאַרלוירן זייער חשיבות, אויף זייער אָרט זענען געקומען נייע. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַוועגונג לטובת דער יידיש־וועלטלעכער קולטור, אַראָפּציען דעם רעליגיעזן מאַנטל פון יידישן לעבן. ס'האָבן זיך געיאַוועט פאָלקלאָר־זאַמלער, עס זענען אויפגעשטעלט געוואָרן ביבליאָטעקן, עס זענען געשאַפן געוואָרן יידישע כאָרן און אָרקעסטערס. ס'איז געוועזן אַ דראַנג ביים יחיד צו זינגען, די יידישע מאַסן האָבן זיך הויך צעזונגען און זייער געבענטשטער פאָלקס־זינגער איז געוועזן מרדכי געבירטיג.

אַלע זיינע יאָרן האָט ער געלעבט אין קראָקע, ווו ער האָט געאַרבעט אין אַ מעבל־וואַרשטאַט און געלעבט אין גרויס אָרעמקייט מיט זיין פרוי בלומקע און זייערע דריי טעכטער: שפרה, חוה און לאה, וועלכע ער דערמאָנט אין אייניקע פון זיינע לידער. זיינע לידער האָט ער געוויינטלעך געשאַפן בעת דער אַרבעט און זיי אויסגעשפּילט אויף אַ פייפל, אָדער אויסגעקלאַפּט מיט איין פינגער אויף דער פּיאַנע; די נאָטן פלעגט פאַרצייכענען דער מוזיקע האָפמאַן. די טאָכטער לאה האָט געזונגען זיינע לידער אויף קאָנצערטן; זיי זענען געוואָרן שנעל פּאָפּולער נישט נאָר אין קראָקע, נאָר אויך אין אַנדערע שטעט פון פּוילן. באַזונדערס האָבן פּאָפּולער געמאַכט זיינע לידער די אַרטיסטן פון יידישן טעאַטער, וואָס האָבן זיי אַריינגעפלאָכטן אין די פּראָגראַמען, אָפט נישט וויסנדיק ווער זייער מחבר איז.

אין 1906 האָט געבירטיג אָפּגעדרוקט זיין ערשט ליד אין דעם קראָקעווער אָרגאַן פון דער יידישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי; אין זעלבן יאָר אַריינגעטראָטן אין דער קראָקעווער יידישער אַקטיאָרן־גרופּע. זיין ערשטע לידער־זאַמלונג וואָס איז אַרויס אין קראָקע אין אַ טאַשן־פּאָרמאַט, האָט אַנטהאַלטן 20 לידער. אין 1936, צו זיין 30 יאָריקן יובילײ אַלס דיכטער, האָט אַ ספּעציעלער געבירטיג־קאָמיטעט אים צוגעטראָגן זיין צווייטע זאַמלונג מיט 50 לידער מיט נאָטן אויף 109 זייטן.

אין 1938, נאָכן פּאָגראָם אין פּשיטיק, שרייבט ער אָן זיין באַרימט ליד: "עס ברענט ברידערלעך, עס ברענט", ערב אונדזערע חורבן־יאָרן, איז דאָס ליד געווען אַ מאָנענדיקער רוף צו דערזען באַצייטנס די גרויסע פייער־צונגען, וואָס גייען אונדז פאַרלענדן.

דער באַרימטער זינגער און קונסט־קריטיקער מ. קיפּניס האָט געשריבן וועגן געבירטיגן, אַז ער זינגט און וויינט אויס זיין ליד אין שטוב, און דאָס ליד פּראַלט טיר און פענצטער אויף און פילט אָן די גאַס מיט שירה. ער באַזינגט דאָס יידישע אייגנאַרטיקע לעבן, די יידישע ליבע, די יידישע פאַמיליע, מאַמע און קינד, יידישע נויט און אָרעמקייט. ער מאָלט מיט אַזעלכע וואַרעמע, עכטע, נישט געפּעלשטע, פאַרבן, וואָס נאָר אַזאַ פיינע ערלעך־פילנדיקע נשמה ווי מרדכי געבירטיג קאָן די דאָזיקע פאַרבן און טענער שאַפן. וואָס מער מען הערט דאָס ליד וואַרעמט עס און ווירקט טיף אויף דער נשמה. ענלעך דעפינירט האָט דער אונגאַרישער קאָמפּאָזיטאָר און טעאָרעטיקער זאָלטאַן קאָדאַי: "פּונקט ווי עלעקטרישע דראָטן פאַרבינדן דאָרף מיט דאָרף און ברענגען זיי ליכט, אַזוי פאַרבינדט דאָס פאָלקס־ליד האַרץ מיט האַרץ און ברענגט דעם מענטשן פרייד. דאָס פאָלקס־ליד איז דאָס בעסטע מיטל צו באַווירקן די נשמה און אַנטפּלעקן ליבשאַפט צו מענטשן און פאָלק, צו דערוואַרעמען געפילן, צו וועקן מחשבות און גלויבנס".

* * *

די יידישע מוזיק, דער יידישער ניגון איז אַזוי אַלט ווי דאָס יידישע פאָלק. זי האָט במשך פון דורות דורכגעמאַכט פאַרשיידענע מעטאַמאָרפאָזעס: די מורמלעניש ביים זאָגן תהילים פון יעדן ייד בעת אַ צרה; דער ברומענדיקער גמרה־ניגון פון לערנען אין בית מדרש; דאָס התלהבותידיקע געזאַנג פון חסידים ביים רבינס טיש; די לידער פון די ראשונים, וואָס זענען מיט שיפן און באַנען געקומען קיין ארץ ישראל; די לידער פון מי און אַרבעט וואָס יידישע בעלי־מלאכות האָבן געזונגען ביים וואַרשטאַט; די רעוואָלוציאָנערע קאַמפּס־לידער פון אָרגאַניזירטן יידישן פּראָלעטאַריאַט; די מעלאָדיעס פון די חלוצים, וועלכע האָבן אונטער די שטראַלן פון דער ברענענדיקער זון אויסגעטאַנצט זייערע פריילעכע האָראַס, און די ווידערשטאַנד־לידער, וואָס זענען געזונגען געוואָרן פון די לעצטע פאַרטיזאַנער צווישן די פאַלנדיקע ווענט אין די ברענענדיקע געטאָס.

דער מוזיקאָלאָג יששכר פאַטער האָט געשריבן, אַז ביי די צוויי פאָלקס־שאַפער און זינגער מאַרק וואַרשאַווסקי און מרדכי געבירטיג, איז דער בשותפותדיקער מאָטיוו פון זייערע לידער, די אהבת משפחה, וואָס שאַפט פּאָפּולאַריטעט פון זייערע לידער צווישן די ברייטע מאַסן פון יידישן פאָלק אין אַלע לענדער, ווי

אויך צווישן יידישע זינגערס פון אַלע זשאַנערס. און זאָל אויך באַצייכנט ווערן, אַז אַ סך פון זייערע לידער, און דער עיקר מרדכי געבירטיגס, זענען פון אַ הויך קינסטלערישן ווערט. אַזעלכע לידער ווי "העי ציגעלעך", "אוי מאַמעניו מיין", "משהלע מיין פריינד" און "אונדזער שטעטל ברענט", קענען באַקומען דעם זעלביקן קינסטלעריש־עקספּרעסיוון פּראָפיל ווי די לידער פון פראַנץ שובערט און פעליקס מענדעלסאָן. "אויפן פּריפּעטשיק" פון מאַרק וואַרשאַווסקי און "ס׳ברענט" פון מרדכי כעבירטיג זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין הימנען פון פאָלק. דאָס ערשטע איז דער סימבאָל פון כוח פון עם הספר; "ס׳ברענט" איז ווי דער נביאישער רוף צו שטיין אויף דער וואַך.

ווען די היטלער־אַרמייען האָבן פאַרכאַפּט קראָקע האָט געבירטיג זיך געראַטעוועט אין דאָרף לאַגעווניקי, לעבן קראָקע, דאָרט האָט ער געשאַפן אַ צאָל פון זיינע געטאָ־לידער צ״אַ דאָס ליד "ס׳טוט וויי" וועגן דער באַציונג פון די פּאָליאַקן. ליידער האָט ער פון דעם דאָרף זיך באַמיט צו אַנטלויפן אין געטאָ פון קראָקע, ווו ער שרייבט זיינע לידער פון צאָרן און האָס צום מערדער, לידער פון רוף צו נקמה. אויף קיין איין מינוט האָט ער נישט פאַרלוירן זיין בטחון. דעם גלויבן אין דעם זיג פון גערעכטיקייט. מיט זיינע ווערטער האָט ער געמוטיקט די ליידנדיקע און אַריינגעגעבן זיי האָפענונג אין נצחון. ער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די נאַציס דעם 4טן יוני 1942, און דעם 5טן יאַנואַר 1945 זענען דערמאָרדעט געוואָרן זיינע טעכטער חוה און לאה; ווען און ווו ס׳זענען אומגעקומען זיין פרוי און די 3טע טאָכטער איז אומבאַקאַנט. ער איז אומגעקומען אין די היטלעריסטישע פייער־צונגען, אָבער ער איז אויפגעשטאַנען תחית המתים און היינט צו טאָג איז ער מער לעבעדיק אין דער פאָלקס־נגינה, ווי ער איז געווען פאַרן חורבן. מען הערט זייער אָפט זינגען זיינע באַהאַרצטע לידער, וואָס זענען געוואָרן אַזוי אייגן, און דער עולם זינגט מיט אָפט מיט פייכטע אויגן.

דער שרייבער און אַקטיאָר יצחק טורקאָוו, וואָס האָט מיט געבירטיגן אַ סך פאַרבראַכט ווען דאָס יידישע טעאַטער איז געקומען קיין קראָקע, האָט דערציילט, אַז געבירטיג האָט געזונגען זיינע לידער, וואָס זענען ערשט אַרויס פון זיין וואַרשטאַט; די טרערן האָבן זיך געגאָסן פון זיינע אויגן, ווען ער האָט געזונגען "דריי טעכטערלעך", אָבער די שטים האָט נישט פאַרלוירן די לויטערקייט און דעם הייסן דראַמאַטישן טאָן. וואָס מער מען הערט זיינע לידער אַלץ מער באַגייסטערן זיי; מיר באַוואונדערן די געלייטערטע שיינקייט פון וואָרט און מעלאָדיע וואָס איז אַזוי פאָלקסטימלעך, און פשוט, דורכזיכטיק און מיט אַזוי פיל פּאָעטישער קולטור און קאָמפּאָזיטאָרישן טאַלאַנט. זיינע לידער וועלן גיין פון דור צו דור, זיינע אומעטיקע טענער וועלן ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ שאַל־רוף צו דער נייער צייט, צו דעם נייעם לעבן פון אונדזער פאָלק און מדינת ישראל, וואָס באַשטראַלט און גיט האָפענונג אַלע יידן אויף דער וועלט.

אַבאָנירט און שטיצט

# חשבון

די איינציקע יידישע צייטשריפט אין די מערב־שטאַטן פון אַמעריקע

## אַ וואָרט צו דער פּטירה פון ישראל־קינסטלער משה בערנשטיין

הכלל - אויך לגבי דעם קינסטלער משה בערנשטיין פּאַסט דער זאָג פון פּאָעט י.ח. בילעצקי ז"ל, אַז לייוויק "טראָגט אַ זאַק מיט געשריי פון צער".

דער ישראל־קינסטלער משה בערנשטיין, דער אָ יידיש־יידישער מענטש מאנשי שלומנו, האָט במשך זיין שעפעריש לעבן געטראָגן "אַ זאַק מיט געשריי פון צער"! די ניגונדיקע בילדער פון דעם אָ וואָריקן קינסטלער זענען פּיוטים אין גלי פון טרויער - זיין שאַפונג איז אַ סאָרט איכה ישבה... על חורבן השואה. פון בערנשטיינס יצירה טריפט דאָס בלוט פון זיין צעווייטיקט האַרץ. דאָרט "הערט מען דעם געשריי פון צער"! יאָ - אין די בערנשטיין־בילדער ציטערן די נשמות פון זעקס מיליאָן יידן שנהרגו ונשחטו על ידי הנאצים י"ש וזכרם.

...איך דערמאָן זיך, מיט לאַנגע יאָרן צוריק, איז משה בערנשטיין פון ישראל פאַרפאָרן קיין פּאַריז: מיר האָבן זיך געטראָפן, געשמועסט, און געוואָרן פריינד, בערנשטיינס בילדער האָבן געמאַכט אַן איינדרוק, נו - האָט שוין דער פּאַריזער יידישער מאָלער בען זיך פאָסטאַרעט, און משה בערנשטיין האָט געהאַט אַן אויסשטעלונג אין איינע פון די גרעסטע גאַלעריעס אין פּאַריז. זיין "געשריי פון צער" האָט אין פּאַרז געמאַכט אַ רושם!

איין מאָל אַ טאָג, האָט מיר בערנשטיין דערציילט, אַז קינדווייז שוין האָט ער געשפּירט, אַז מאָלעריי וועט זיין דער תוכן פון זיין לעבן, געוועזן איז דאָס אין זיין שטעטל בערעזע: אין אַ ווינטערדיקן שבת נאָך מיטאָג, אַליין אין שטוב, טאַטע־מאַמע אַוועק צו קרובים אויף אַ באַזוך, האָט אים אַ נעם געטאָן אַ מין מאָדנער כוח צו צייכענען. אַלט געוועזן איז ער דעמאָלט עפּעס אַ דריי־פיר יאָר בסך הכל... האָט ער אַרויסגעכאַפּט פון אויסגעגאַנגענעם אויוון אַ קויל, אַרויפגעכאַפּט זיך אויפן טיש, און אויפן ווייסן שבתדיקן טישטוך געגומען צייכענען געשטאַלטן. עפּעס איז ער בשעת מעשה אַריין אין אַן עקסטאַז, אַז ער האָט גאָרנישט באַמערקט, ווי טאַטע־מאַמע זענען אַריינגעקומען, נישט געפילט, ווי זיי שטייען איבער אים און קוועלן אָפּ פון צוציק זייערן - דעם תכשיט. די פרייד זייערע איז געווען גרויס - אסור, אויב זיי האָט פאַרדראָסן וואָס ער האָט פאַרפאַטשקעט דאָס ווייסע שבתדיקע טישטוך... נו־מילא... אַ כפּרה דאָס טישטוך!...

זייט יענעם ווינטערדיקן שבת נאָך מיטאָג, האָט שוין דער דראַנג צו מאָלן אים נישט צו רו געלאָזט! ווען משה בערנשטיין איז, נאָכן פאַרענדיקן די קונסט־אַקאַדעמיע אין ווילנע, אַוועק אויף די וועגן פון שאַפונג, איז אים נישט איינגעפאַלן, אַז ווערן אין דער מאָלעריי וועט ער דער קלאָגער און באַקלאָגער פון אומגעבראַכטע זעקס מיליאָן יידן על קידוש השם.

פון דער גרויסער בערנשטיין־שאַפונג איז מיר פאַרבאַקן אין זכרון אַ שוואַרץ־ווייסע גראַפישע יצירה בשם "ידיים לשמים" - אַ ווערק וואָס הענגט אויף אַ וואַנט אין דער כנסת אין ירושלים.

דער קינסטלער האָט דאָ אויסגעפורעמט אַ פּאַטעטישע געשטאַלט פון אַ ייד מיט אַ טלית אויף די אַקסלען, וואָס האַלט צאַרנדיק פאַריסענע הענט צו די הימלען. דער אַוועקשטעל פון דעם אָ צאָרנדיקן ייד איז שטאַרק, מאָדנע־עפּעס קוקט ער אויס, דער ייד, ווי ער וואָלט נאַרוואָס באַוויזן אַרויסצוקריכן פון אַ קבר... ←

לידיאַ פּראָלאָוו

# שמיליקל שוסטער און זיינע מעשיות

שמיל שוסטער האָט אָנגעהויבן שפּילן אַ ליבע מיט פייגעלען, ווען זיי ביידע זיינען נאָך געווען גאָר יונג. חתונה געהאַט ווען ער איז אַלט געוואָרן 18 און זי 16. חתונה געהאַט ווי מ'שייט און גייט, נאַקעטע און באָרוועסע. דערפאַר האָט זיי גאָט באַשענקט מיט אַ הייסער ליבע איינס צום אַנדערן. און ווען ביי זיי אין שטוב האָט זיך מיט דער צייט באַוויזן אַ צענדליק קינדערלעך, האָבן שמיל מיט פייגען עס אויסגעטייטשט, אַז שולדיק איז אין דעם די הייסע ליבע. גאָר אַנדערש האָט שמיל שוסטער זיך פאַרענטפערט פאַר פרעמדע לייט.

איין מאָל איז אַריינגעקומען צום שוסטער אַ רייכער ייד פאַרריכטן אַ פּאָר שטיוול. ער האָט באַטראַכט די נאַקעטע כאַליאַסטרע אין דער אָרעמער שטוב און אַ פרעג געטאָן ביים פּאַטער:

"זאָג מיר נאָר, שמיל, דו ביסט אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס, וואָס-זשע ברענגסטו אַזוי פיל קינדערלעך אויף דער וועלט?"

"טאַקע דערפאַר, וואָס איך בין אַ קבצן מאַך איך אַ סך קינדערלעך - האָט שמיל געענטפערט: - ביים אָרעמאַן ווערט אַלע מאָל אָפּגעשטאָרבן אַן אַנדער אבר. פּרוווט ער זיי אָפּטער אויס כדי וויסן אַ וועלכער אבר איז שוין אָפּגעשטאָרבן".

דערפאַר אָבער זיינען ביים שוסטער געבוירן געוואָרן קינדערלעך איינס אין איינס. אַלע געראָטענע. אַלע ענלעך אויפן טאַטן מיט דער מאַמען, אויף דעם שיינעם פּאָרל. אַלע קינדערלעך - שוואַרצחנעוודיקע.

שמיל איז געווען באַרימט אין שטעטל ווי אַ גרויסער קענער פון צוטראַכטן און איבערדערציילן מעשיות. צום מערסטן פלעג ער צוטראַכטן און זייער אָפט דערציילן מעשיות פאַר זיין שטוב מיט קינדערלעך. ←

---

ווער זאָל דאָס זיין, דער דאָזיקער ייד אין טלית, וואָס קריכט פון קבר?

קוקט מען זיך איין אין דער שטורמיש-צעוויכערטער פיגור - דער קאָפּ שאַרף פאַריסן צום הימל, זיין פנים איז מלא חמה -פון זיין מויל רייסט אַרויס זיך אַ געוואַלד! וואַרפט מען אַ בליק נאָך אויף די ביינערדיקע אָרעמס וואָס ווענדן צום הימל צוויי הענט מיט אַ פראַגע - היתכן?! דאָ טוט אַ בליץ אַ געדאַנק - אוי, וויי, געוואַלד! דאָס איז דאָך דער האַרציקער ר'לוי יצחק, דער הייליקער צדיק, וואָס פלעגט פאַרלאַנגען ביים רבונו של עולם אַ חשבון פאַר די צרות פון יידן. ווי קאָן ער איצטער איינליגן אין קבר, בעת מיליאָנען יידן שעכט מען, ווי רינדער. ובכן, האָט ער אַן אויפגעטרייסלטער פון צער און צאָרן, זיך אַרויסגעדראַפּעט האַלבוועגס פון קבר, אַרויף אין דער העלפט אויף דער בלוטיק-זינדיקער ערד מיט אַ געשריי - ס'טייטש?! געוואַלד! - אַ חשבון פאַרלאַנגט ער פון די שטילע בלויע הימלען! ווי אַזוי האָט איר דאָס - הימלען - דערלאָזט צו אַזאַ בלוטיקן חטא?!

זעקס מיליאָן יידן האָט איר געלאָזט אומברענגען מיט אַלע מיתות משונות! געוואַלד - געוואַלד! יאָ - אין משה בערנשטיין, דעם קינסטלער, האָט געקלאַפּט אַן אָדער פון גרויסן ר' לוי יצחק מבערדיטשעוו!

**א.פ.**

"שמיליקל, - פלעג אים זאָגן זיין ווייבעלע, זיין פייגעלע, - קענסט, נעבעך, נישט אָנהאַדעווען אונדזערע קינדערלעך מיט אַ שטיקל ברויט, דערפאַר האָדעווסטו זיי מיט דיינע מעשיות

...ווי אין אַלע שטעטלעך, האָט מען דאָ אויך זעלטן ווען אָנגערופן ביים פאַמיליע-נאָמען. די מערהייט האָט געהאַט צונעמעניש. ווען מ'האָט גערופן לויטן פאַך, ווי צום ביישפיל, אברהם דער שניידער, מיכל דער מאַנופאַקטוריסט, בערל מוליער. אַנדערע האָט מען גערופן לויט זייער אויסזען: שמחה דער שוואַרצער, איציק דער גרויער, שלמה דער לאַנגער. מ'האָט גערופן לויט די דעפעקטן, ווי צ"ב יאַנקל דער קרומער, מאַניע די האָרבאַטע. נאָר ס'זיינען אויך געווען צונעמעניש, וואָס האָבן גאָרנישט נישט געזאָגט. דער מענטש ווען מ'האָט צוגעקלעפּט דעם צונעמעניש האָט נישט געוווּסט פאַר וואָס און פאַר ווען. איינע אַ יידענע האָט מען גערופן: "אידעס-לאה מיטן גאָרגל". איינעם אַ רייכן ייד האָט מען גערופן "לייבעלע וואַרעניע".

איין מאָל זיינען שמיל שוסטערס קינדערלעך צוגעשטאַנען צום טאַטן: "דערציייל פאַרוואָס רופט מען הודלען "די שיף האָט זיך איבערגעקערט?" פאַרוואָס רופט מען די יידענע - אידעס-לאה מיטן גאָרגל - פאַרוואָס רופט מען לייבל דעם נגיד לייבעלע וואַרעניע?

איז באַלד אויפן אָרט ביי שמילן געבוירן געוואָרן אַ מעשה. האָדל - די שיף האָט זיך איבערגעקערט - האָט זיך איר געשיכטע:

האָדל איז געווען זייער אַן אָרעם מיידל, אַ קיילעכדיקע יתומה. געלעבט ביי אַן אַלטער אָרעמער מומע. נאָר זי איז געווען אַ שיינע מויד. פון די הויכע, פעסטע, געזונטע מיידלעך, פון די וואָס מ'זאָגט אָפּט, "אַז זי גייט ציטערט די ערד אונטער אירע פיס". זי האָט חתונה געהאַט פאַר איינעם, ווייט נישט קיין יונגן, רייכן אלמן. געווען איז די האָדל אַן עם-הארצטע. דעם אַלף-בית נישט געוווּסט. רייך געוואָרן, האָט זי זיך גענומען ציען צו די רייכע ווייבער, נאָכמאַכן זיי אין אַלעמען. יענע, די גבירטעס, פלעגן אָפּט פאָרן קיין אָדעס אָנקויפן פאַר זיך מאָדנע קליידער. איז האָרל אויך אַוועק קיין אָדעס. זיך אומגעקערט אַ היים אַן אויסגעפּוצטע, אָנגעטאָן אין אַ זיידן קלייד, אויף די אויערן - גאָלדענע אוירינגעלעך, אויפן האַלדז - אַ גאָלדן קייטעלע, אויף די פינגער-גאָלדענע רינגלעך. האָט זי זיך גענומען גרויסן. מיט די פריערדיקע חברטעס פון הינטערגעסל אַפילו קיין וואָרט נישט געוואָלט אויסריידן. אַריינגענומען אין שטוב אַריין אַ דינסט, אַן אָרעם ווייבל, פלעג די האָדל מער מיט איר קאָמאַנדעווען, ווי אַלע אַנדערע רייכע יידענעס קאָמאַנדעווען מיט זייערע דינסטן. פאַר די אַלע שטיק האָט מען אין שטעטל האָדלען פיינט באַקומען און מען האָט דערציילט: ווען זי איז אַן אויסגעפּוצטע געפאָרן פון אָדעס אַ היים, האָט זי געקויפט אַ בילעט אין ערשטן קלאַס, אין אַ קופּע פון פיר מענטשן. דאָרט זיינען געפאָרן דריי מאַנסבלען. ווייזט אויס געלערנטע מענטשן, ווייל זיי האָבן די גאַנצע צייט געלייענט דעם בלאַט. אויפן טישל אין קופּע זיינען געליגן אַ סך צייטונגען. שטרעקט האָדל אויס איר האַנט, אויף וועלכער זי האָט שוין געטראָגן די פינגערלעך מיטן גאָלדענעם זייגער, און נעמט אַ בלאַט. ווען איינער פון די פּאַסאַזשירן אין קופּע האָט דערזען, אַז זי לייענט דעם בלאַט איבערגעקערט, מיטן קאָפּ אַראָפּ, האָט ער אַ פרעג געטאָן ביי איר:

"וואָס שרייבט זיך עפּעס אין דער דאָזיקער צייטונג?"

די שיף, וואָס איז געווען פאָטאָגראַפירט אינעם בלאַט, איז אויך געשטאַנען מיטן קאָפּ אַראָפּ. ענטפערט אים אונדזער האָדל.

"אַ שיף האָט זיך איבערגעקערט".

נו, און אידעס־לאַה? שמיל שוסטער האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן: איז די מעשה מיט איר אַזאַ:

– געלעבט האָט אין שטעטל אַן אָרעם פאָרפאָלק. אַן עלנט פּאָרל. נישט קיין רינד און נישט קיין קינד. זיי האָבן איינס דעם אַנדערן אָפּגעגעבן גרויס כבוד. דעם אַלטיטשקן האָט אַלע יאָרן געמוטשעט זיין געוויסן. וואָס ער קען נישט פאַרגרינגערן אידעס־לאַהן דאָס לעבן. ער איז פון דער הויט געקראָכן, צו פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט. און, ווען ס'האָט זיך אָנגערוקט דער שבת און דער אַלטיטשקער האָט נישט געקענט ברענגען דעם ווייב כאָטש וואָס ס'איז נישט איז שבת צו מאַכן, איז ער קראַנק געוואָרן פון ווייטיק. קיין מלאכה אין די הענט האָט ער נישט געהאַט. זיין שטיקל ברויט האָט ער פאַרדינט ביי אַרומגיין פון שטוב צו שטוב און העלפן ווען צעהאַקן אַ שטיקל האָלץ, ווען אַריינטראָגן אַן עמער וואַסער, ווען איבערטראָגן עפּעס פון איין אָרט אויפן אַנדערן. אין די יונגע יאָרן האָט ער נאָך עטוואָס פאַרדינט און זיין אידעס־לאַה האָט געפּראַוועט דעם שבת נישט ערגער פון אַנדערע מענטשן אינעם הינטער־געסל. אויך געקאָכט דעם צימעס מיט פאַסאָליעס, די געפילטע פיש, דאָס שטיקעלע עוף און די שבתדיקע יויך. נאָר, אין די עלטערע יאָרן, ווען דער אַלטער האָט שוין קוים געשלעפּט זיינע פיס, האָט זי גאָר אַנדערש גענומען פּראַווען דעם שבת אָדער די יום טובים. דאָס שטיקל פלייש פלעגן זיי שוין זעלטן זען פאַר די אויגן. נאָר אידעס־לאַה האָט זיך געטאָן אַ קניפּ אין באַק די פאַרב זאָל שטיין. זי האָט זיך נישט געלאָזט שפּייען אין דער קאַשע, נישט געוואָלט מ'זאָל אויף איר רחמנות האָבן, אַז זי זיצט, נעבעך, דעם שבת הונגעריק. זי האָט פאַרגעזעצט קאָכן אויף שבת דעם ראָסלפלייש, סיי די יויך. אָבער אָן פלייש. דאָס מאכל האָט אין אים גאַנץ פשוט. אָנגעשיילט קאַרטאָפליעס און זיי אָפּגעקאָכט, דערנאָך באַגאָסן מיט אַ ביסל בוימל איבערגעפּרעגלט מיט ציבעלעס. די יויך אָן דעם פלייש, האָט מען אויך געקאָכט פשוט. גערופן האָט מען עס – די ווינער יויך. אָפּגעקאָכט די פאַסאָליעס אין וואַסער און אויך באַשמאָלצן מיט איבערגעפּרעגלטן בוימל און ציבעלעס. צו דער יויך, אויב ס'איז געווען דערצו אַ ביסל רעטשענע גרויפּן, אָדער אַ ביסל לאָקשן, אַ מאַצעלע, איז עס שוין געווען אַן אמת שבתדיקע מאַכל. הינטער־געסל, ביי די קבצנים. געהייסן פאַלשער ראָסלפלייש. געקאָכט האָט מען

אין איינעם אַ זומער־טאָג, פרייטיק, האָט זיך אידעס־לאַהס אַלטער אַ גאַנצן טאָג אַרומגעדרייט איבער דער מאַרק־גאַס און קיין גראָשן אויף שבת נישט פאַרדינט. די מענטשן זיינען זיך שוין לאַנג צעגאַן אַ היים. אַלע קלייטן האָט מען שוין צוגעמאַכט, נאָר דער איינציקער איז געבליבן זיך אַרומדרייען אין גאַס דער אָרעמאַן. ער האָט זיך נישט געקענט איינשטעלן אומקערן צום ווייב מיט די ליידיקע הענט. נישט פאַרדינט נישט אויף דעם פאַלשן ראָסלפלייש און נישט אויף דער ווינער יויך. ער האָט זיך פאַרשאָלטן זיין געביין, וואָס ער לעבט אויף דער וועלט, אויב ער קען זיין געטרייער אַלטיטשקער אַפילו קיין קאַרטאָפליע, קיין פאַסאָליע אויף שבת נישט ברענגען. האָט גאָט רחמנות געהאַט און אים

צוגשיקט אַ מציאה.

אויף זיין גליק האָט זיך דער קצב פֿאַרהאַלטן ביי זיך אין דער יאַטקע. פֿאַרן פֿאַרמאַכן זי, האָט ער דערזען זיך וואַלגערן אויף דער ערד אַ שטיק גאָרגל. האָט ער לאַנג געטראַכט וואָס צו טאָן מיט דעם. "אַרויסוואַרפֿן איז אַן עבֿירה. האַלטן עס ביז נאָך שבת אין יאַטקע וועט עס קאַליע ווערן". און דאָ האָט ער דערזען דעם אָרעמאַן אַרומבלאָנקען איבער דער גאַס. האָט ער אים אַ רוף געטאָן און אַוועקגעשענקט דאָס שטיק גאָרגל. אַ גליקלעכער איז דער אַלטער געלאָפֿן אַ היים. ער האָט זיך פֿאַרגעשטעלט, ווי זיין אידעס־לאה וועט זיך דערפֿרייען. אַ קלייניקייט, זי וועט אָפּקאָכן אַן אמתע יויך, אָדער אַן אמתן ראָסלפּלייש. לויפֿנדיק אַזוי אַ היים מיטן שטיק גאָרגל האָט ער באַגעגנט אַן אַלטן יידן פֿונעם הקדש. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן פֿאַרזאָרגטן אָרעמען און דאָס האַרץ האָט אים אַ קלעם געטאָן פֿון רחמנות. "אַלע יידן פּראַוווען שבת, נאָר ער איינער, נעבעך, דרייט זיך אַרום אין גאַס אַ הונגעריקער". נישט לאַנג געטראַכט, האָט ער אַ רוף געטאָן דעם יידן צו זיך אַ היים.

אַן אַנדערש מאָל ווען אידעס־לאה דערזעט, אַז איר אַלטער האָט געבראַכט אַן אורח אויף שבת, וואָלט זי אים נישט געשוויגן. ברענגען אַן אורח, ווען מ'לייגט אַליין די ציין אויף די פּאָלקעס! נאָר דערזען די שיינע מתנה, דעם שטיק גאָרגל, האָט זי שוין אינעם אורח פֿאַרגעסן. זי האָט תיכף צעשניטן דעם גאָרגל אויף קליינע שטיקעלעך. צעלייגט אונטערן פּריפּעטשיק דאָס פֿייער, האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט קאָכן די יויך. דער גאָרגל האָט אַזאַ מין טבֿע, ווערט ער פֿאַרטיק, שווימט ער אַרויף פֿון אויבן. יעדעס מאָל ווען אין טאָפּ וואַסער איז אַרויפֿגעשווומען אַ שטיקל גאָרגל, האָט עס אידעס־לאה אויסגעלאָוועט און פֿאַרזוכט. זי האָט אַזוי לאַנג געלאָוועט די שטיקלעך גאָרגל, אַזוי לאַנג פֿאַרזוכט, ביז ס'האָבן אויפֿגעהערט אַרויפֿשווימען די שטיקלעך. נעמט זי מישן מיטן גרויסן לעפֿל און אין טאָפּ איז בלויז גאָלע וואַסער. אַ כאַפּ געטאָן זיך, אַז זי האָט אַזוי צו ביסלעך אויסגעפֿאַרזוכט אַלע שטיקלעך גאָרגל, איז איר פּינצער געוואָרן אין די אויגן.

"וואָס קען איך איצט זאָגן מיין אַלטיטשקן? ווו איז אַהין געקומען דער גאָרגל?" האָט זי געטראַכט.

זי האָט געבראָכן די הענט, געבראָכן דעם קאָפּ און בשום אופֿן גאָרנישט געקענט צוטראַכטן. נאָר מיט אַ מאָל איז איר אַ גוטער געדאַנק געקומען אין קאָפּ אַריין. זי איז צוגעגאַן צום מאַן און אים געזאָגט, אַז ער זאָל גיין אָנשאַרפֿן דאָס מעסער. דער גאָרגל איז שוין פֿאַרטיק און מ'דאַרף אים צעשניידן. ווען דער אַלטער איז געשטאַנען אין קיך און געשאַרפֿט דאָס מעסער, האָט זי שטילינקער הייט אַ רוף געטאָן דעם אורח און איינגערעדט אים אַ סוד:

"איר זעט, מיין מאַן שאַרפֿט דאָס מעסער. ער איז ביי מיר אַ גרויסער קוילער. ער וויל אייך קוילען. איבערשניידן דעם גאָרגל".

דעהערט אַזעלכע רייד, האָט דער ייד גענומען די פֿיס אויף די פּלייצעס און איז הענדום פּענדום געלאָפֿן אין הקדש אַריין. אידעס־לאה איז אַריין צום מאַן אין קיך און אַן איבעראַשטע גענומען שרייען, אַז דער אורח האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם אָפּגעקאָכטן גאָרגל און איז אַנטלאָפֿן. דער אַלטער האָט מיט דעם מעסער אין די הענט. גענומען נאָכיאָגן דעם אורח שרייענדיק:

"גיט אַהער דעם גאָרגל, גיט אַהער דעם גאָרגל!"

און די מעשה וועגן לייבעלע וואַרעניע?

ביי לייבלס מאַמען האָבן זיך קיין קינדער נישט געהאַלטן. זיי פלעגן זיך אָפּטראָגן אויף יענער וועלט נאָך איידער זיי האָבן דערזען די וועלט. אַזוי אַרום האָט זי געפּאַטערט אַ גאַנצן טוץ. רייך איז זי געווען, געוויינט און געקלאָגט וועמען זי וועט איבערלאָזן איר גרויס פאַרמעג, ווען ס'וועט קומען די צייט צו פאַרלאָזן די וועלט. זי האָט נישט אויפגעהערט טענהן צו גאָט און צו לייט: "אַ גאַנץ הינטער־געסל קבצנים אין שטעטל. מ'לעבט אין די נידעריקע איבערגעקערטע הייזלעך. מ'לעבט אין ענגשאַפט, אין קויטיקייט, אין קעלט. מ'גייט אַרום אָפּגעשליסן און אָפּגעריסן, נאַקעט און באָרוועס. מ'לײדט הונגער. ווי נאָר אַן אָרעם פאָרל האָט חתונה, ווערט באַלד אַ פולע שטוב מיט קינדערלעך. זיי עסן קדחת נאָר וואַקסן ווי קראָפּעווע. אַלע געזונטע און שיינע. ווייסן נישט פון קיין קרענק. אָבער איך, די גרויסע גבירטע, ווי נאָר ס'באַווייזט זיך ביי מיר אַ קינד, כאַפּט עס באַלד גאָט אויס ביי מיר. ביי מיר, וואָס זיי וואָלטן געהאַט פון שענסטן און געגאַן אָנגעטאָן נישט נאָר אין זייד, נאָר אין גאָלד. ווען גאָט שיקט מיר צו אַ לעבעדיק קינד, וואָלט איך אים דערלאַנגט דאָס טעלערל פון הימל".

"פאָרט צו אַ גוטן יידן אין אַ גרויסער שטאָט" – האָבן ווייבער געראָטן די אומגליקלעכע מוטער. זי האָט געפאָלגט און איז אַוועק צו אַ גוטן יידן אין דער צייט ווען זי האָט געטראָגן. דער גוטער ייד האָט אויסגעהערט דאָס ווייבל און איר געזאָגט:

"פאָר אַ היים און דערוויס זיך ווער פון די אָרעמעלייט איז נישט לאַנג אָפּגעשטאָרבן, און מ'האָט נאָך נישט באַוויזן אַ נאָמען צו געבן נאָך אים. ווי נאָר דיין קינד וועט געבוירן ווערן זאָלסטו אים אַ נאָמען געבן נאָכן אָרעמאַן".

אין שטעטל האָט דעמאָלט געלעבט אַ מאָדנע פּאָרפאָלק. אָרעמער פון דעם אומגליקלעכן פּאָרל איז אויף דער וועלט נישט געווען. דאָס שטעטל האָט זיי חתונה געמאַכט. זי איז געווען אַן אַלטע מויד. אַ קיילעכדיקע יתומה, ער איז געווען מיט אַ צען יאָר יינגער פון איר, נאָר אים האָט אויסגעפּעלט אַ קלעפּקע. אַ חוץ דעם, וואָס ער האָט קיין שכל נישט געהאַט, איז ער נאָך געווען פויל. צו גאָרנישט צוגעלייגט זיינע הענט און קיין מאָל קיין קאָפּקע נישט פאַרדינט. זי איז געווען די ברויטגעבערין און ער איז טאָג און נאַכט געלעגן אין שטוב. אָפּגעדונגען אַ קליין אַלקערל ביים בעל־עגלה, האָבן זיי זיך אַזוי ביסלעכווייז געהאַלטן אויף די פיס. זי איז געווען אַ באַדינערן אין באָד, דאָרט צוגעגרייט פאַר אַ רייך ווייבל דאָס בעטל, איר אָפּגעוואַשן די פּלייצע; אַן אַלטע רייכע יידענע געפירט אין דער מקווה אַריין. און פון דעם האָט זי געלעבט.

איין מאָל האָט אַ רייכע יידענע מיטגענומען אין באָד אַריין אַ סלאָיקל וואַרעניע. זי האָט ליב געהאַט, נאָכן אויסבאָדן זיך, אָפּעסן אַ שטיקל ווייס ברויט באַשמירט מיט וואַרעניע. האָט איר די וואַרעניע נישט געשמעקט און זי האָט דאָס גאַנצע באַנקעלע אַוועק געשענקט דעם ווייבל, וואָס האָט זי באַדינט. די קבצנטע האָט געבראַכט דאָס באַנקעלע וואַרעניע אַ היים און באַשטימט עס אויסבאַהאַלטן אויפן ווינטער. אָבער ווי אַזוי באַהאַלט מען אויס אַ ביסל וואַרעניע פון איר שלימאַזל? האָט זי צוגעטראַכט אַ פאָרטל.

"– דו זעסט – האָט זי געזאָגט צום מאַן – דאָס איז אַ באַנקעלע סם. טאָמער,

חלילה וחס, רירסטו זיך צו צו דעם ווּעסטו זיך תיכף אָפּסמען".

דער שלימאַזל אירער האָט געהייסן לייבל. אין איינעם אַ קאַלטן האַרבסט־טאָג האָט זיך דאָס ווייבל פֿאַרהאַלטן אין שטעטל. אַ חוץ דער אַרבעט אין באָד, פּלעג זי אָפּט אַרומגיין איבער די הייזער העלפֿן צוראַמען אַ שטוב, איבערוואַשן אַ פּאַק גרעט, איבערפּרעסן דאָס גרעט. דער מאַן איז דעם גאַנצן טאָג געלעגן אין דער קעלט. אין שטוב איז קיין ברעקל האָלץ נישט געווען אויסצוהייצן די הרובע. ער איז אויך געווען טויט הונגעריק און זיך נישט געקענט דערוואַרטן, ביז זיין ברויטגעבערין וועט זיך אומקערן מיט אַ שטיקל ברויט פֿאַר אים.

"איידער אַזאַ לעבן, איידער אַזוי פֿרירן גאַנצע טעג און אַרומגיין הונגעריק, איז שוין גלייכער צו שטאַרבן" - האָט ער אַ טראַכט געטאָן.

דערמאָנט זיך אינעם סלויאיקל סם, וואָס דאָס ווייב האָט געבראַכט, האָט ער זיך אַ נעם געטאָן פֿאַר דעם. ער האָט פֿאַרזוכט דעם סם און זיך באַלעקט.

"דער סם האָט דעם טעם פֿון איינגעמאַכטס" - האָט ער זיך נישט אויפֿגעהערט וווּנדערן. האָט ער אויסגעלעקט דאָס גאַנצע סלאָיקל, און דער טויט האָט אים נישט גענומען.

- וואָס קען דאָס באַטייטן - איז ער אַרומגעלאָפֿן איבערן אַלקערל, אַלץ נאָך באַלעקנדיק זיך, און געטראַכט - פֿאַרוואָס שטאַרב איך נישט?"

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז מיט אַ סך יאָרן צוריק, ווען ער איז נאָך זייער יונג געווען, האָט ער אַ פֿרעג געטאָן ביי אַ יידן:

"ווי אַזוי קען דער מענטש וויסן צו ער איז שוין געשטאָרבן?"

האָט דער ייד אים געזאָגט:

"דער מענטש טוט זיך אַ טאַפּ ביים הינטן. אויב דער הינטן איז קאַלט, איז אַ סימן, אַז דער מענטש איז טויט!

אין שטוב ביים שלימאַזל איז געווען קאַלט. אַ חוץ דעם האָט ער געטראָגן צעריסענע הויזן. ווען ער האָט זיך אַ טאַפּ געטאָן, איז דאָס לייב געווען קאַלט ווי אייז.

"איך בין געשטאָרבן" - איז ער גיך געקומען צום אויספֿיר.

ער האָט זיך אַוועקגעלייגט מיט די פֿיס צו דער טיר און אַוועקגעשטעלט אַ פּאָר ליכטלעך צוקאָפּנס. אין דער צייט האָט זיך דער בעל־הבית פֿון דער שטוב אומגעקערט אַ היים. דערזען זיין שכן אין אַזאַ פּאָזע, האָט ער אים אַ פֿרעג געטאָן:

"לייבל, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ שטיק?"

"איך בין געשטאָרבן - האָט אים דער שלימאַזל געענטפֿערט - איך האָב זיך אָפּגעסמט". דערציילט מיט וואָס ער האָט זיך אָפּגעסמט, האָט דער בעל־עגלה באַטראַכט דאָס באַנקעלע פֿון וואַרעניע און זיך אָנגערופֿן צום שלימאַזל:

"זעסט דאָס דאָזיקע בייטשעלע. ס'קען מאַכן פֿון טויט לעבעדיק. אָט וועל איך דיך באַלד דערמינטערן".

דער בעל־עגלה האָט אַראָפּגעלאָזט דעם לייבל עטלעכע הייסע בייטשלעך. יענער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון דער ערד און גענומען בעטן:

"שענק מיר אַוועק דאָס בייטשעלע, וואָס קען מאַכן פֿון טויט לעבעדיק".

ווען מ'האָט זיך אין הינטער־גאַסל דערוווּסט די געשיכטע האָט מען אים תיכף געקרוינט מיטן צונעמעניש "לייבעלע וואַרעניע".

מיכל יאַנקיוּוסקי / ישׂראל

# היסטאָריע געשריבן מיט אַן אַנטיסעמיטישער פּען

אַנומלט האָט מײַנער אַ באַקאַנטער, אַ ביכער-ליבהאָבער, זיך אויסגערעדט ס'האַרץ: געוווּנג זיך אָנגעהערט אויף אוקראַינע "אַלע צרות פֿון אײַך ייִדן", האָט ער דאָ גאָר אײַנגעהאַנדלט אַ פּאַסקוויל אין דעם נוסח. באַמערקט אויפֿן טאָמבאַנק: יורי יעמעליאַנאָוו "טראָצקי", מאָסקווע, 2003, פֿאַרלאַג "וועטשע". פּשוט אָפּגענאַרט, ווײַל רעקלאַמירט אויפֿן טאָוול ווי "אַ ווערק פֿון אַ היסטאָריקער, וועלכער איז באַוווּסט מיט זײַן זעלטענער אָביעקטיוויקייט. אָפּגעשאָלטן, און פֿאַרגעלייגט עס איבערלייענען.

די זאַך האָט מיך פֿאַראינטריגירט, און שוין פֿון אַרײַנפֿיר איז מיר געוואָרן אַ ביסל קאַלעמוטנע. לייבאַ בראָנשטיין (טראָצקי) האָט געהאַט ניט ווינציק סימפּאַטיקערס און פּאָזיטיווע אָפּשאַצונגען. אַ שטײַגער מצד דעם פּראָמינענטן היסטאָריקער ד.וואָלקאָגאָנאָוו, ווײַל "ער האָט דער ערשטער דערשמעקט דעם נפש סטאַלין און ביזן לעצטן געקעמפֿט קעגן אים". אָבער זיי אַלע האָבן בכיוון פֿאַרשוויגן טראָצקיס קאָמפּראָמיטירנדיקע קאָנטאַקטן מיט די מאַסאָנען און דעם אינטערנאַציאָנאַלן רעוואָלוציאָנער-קאָמערסאַנט ישׂראל העלפֿאַנד (פּאַרוווּס). דער מחבר זאָגט צו אַ זוך טאָן דעם פֿאַקטישן אמת וועגן דעם טראָצקי-מיטאָס, און אין עפּילאָג לייגט ער אַוועק טאַקע דעם אמת אויפֿן טיש. הערט אַ מעשׂה: כרושטשאָוו, גאָרבאַטשאָוו און די מערב-לענדער האָבן אומגעבראַכט די מעכטיקע סאָוועטישע גרויסמאַכט (אימפּעריע), וואָס סטאַלין האָט אויסגעבויט. דערבײַ האָבן זיי ברייט באַנוצט דעם שרעקלעך-שעדלעכן טראָצקי-מיטאָס. אויב עס האָט פּאַסירט אַזאַ שרעקלעכער אומגליק, דאַרפֿן דאָך זײַן שולדיקע. יעמעליאַנאָוו, אין זײַן בוך, קריכט ממש פֿון דער הויט צו באַווײַזן, אַז געשען איז דאָס צוליב דעם רוסאָפֿאָב טראָצקי און זײַנע שטאַמברידער. שוין דער ערשטער קאַפּיטל "דער זון פֿון אוראַלטן פֿאָלק" רופֿט אַרויס אַ גרימצאָרן. צו באַווײַזן צו וועמען עס געהערט לייבאַ, טראָגט דער אויטאָר צו פֿאָרטרעטן פֿון העסלעכע און כיטרע ייִדן, באַשריבענע דורך ליטעראַטור-קלאַסיקערס.

סטייטש! וועט איר שרײַען. טראָצקי האָט זײַן ייִדישן אָפּשטאַם געהאַלטן פֿאַר אַ געבוירן-פֿעלער און מיט לײַב און לעבן זיך פֿאַרבונדן מיטן רוסישן פֿאָלק און זײַן קולטור. וואָס באַטײַט "קאָנטאַקטן מיט מאַסאָנען און ענלעכס"? ווערט דער רכילותניק ניט נתפּעל. יאָ, די דאָקומענטן וועגן ייִדן-מאַסאָנען האָט מען ניט אָפּגעפֿונען, נאָר, נישקאָשע, ער וועט ציטירן זײַנע מיטגלייביקע. די רשימה פֿון ביכער, וועלכע ער באַנוצט, באַשײַנען אַזעלכע "שיינע לײַט": אַ. היטלער, נאָך באַוווּסטע ייִדן-פֿרעסער. כּדי מען זאָל עפּעס גלייבן נעמט ער אַ רעאַלן פֿאַקט און פֿאַרפּלעכט אים מיט אויסטראַכטענישן און ציטאַטעס פֿון "ליבעראַלע" פֿערזענלעכקייטן". כ'בין דאָ, חלילה, ניט אויסן צו פֿאַרטיידיקן טראָצקין, נייערט צו אילוסטרירן וואָס פֿאַראַ אַנטיסעמיטישע שרײַבעכצן צירקולירן היינט אין רוסלאַנד.

ס'איז פֿײַנלעך און פֿאַרדריסלעך וואָס יעמעליאַנאָוו און נאָך פּאַסקווילאַנטן פֿאַרקוקן זיך אויפֿן נאָבעל-לאַורעאַט א. סאָלזשעניצין. אין 2001 איז אַרויס זײַן

בוך "צוויי הונדערט יאָר צוזאַמען (1795-1995)". פּיין אָנגערופן. מען קען מיינען, אַז די יידן מיט די רוסן האָבן עפּעס געהאַט אַ בשותפישן "ביזנעס", כאָטש באמת האָבן זיי דאָרט געהאַט אויסגעריסענע יאָרן. מען האָט צוגעשריבן עם-ישראל אַ באַרג חטאים און בתוכם אַרויסגעשטעלט אַ שווערן חשבון, הלמאי די יידישע שענקערס האָבן "דעגראַדירט דאָס רוסישע פֿאָלק דורך שיכרות". ווערליק אים באַקומט זיך, אַז מען האָט בגוואַלד פֿאַרקויפט דעם רוסישן פֿויער וואָדקע... ס'איז באַוווּסט, אַז דער פֿויער אַליין האָט זיך שטאַרק געאײַלט צום יידן, דעם שענקער, פּונקט ווי ס'וואָלט אים געברענט זיין עק...

ווי זשע האָט זיך אָפּגערופן די יידישע גאַס? אַ פּערטל טיראַזש האָבן געוויס אויסגעקויפט די רוסיש-רעדנדיקע יידן אין די תפוצות און ישראל. יידישע יחידים זיינען אָפּגעקומען מיט אַ רויקער קריטיק - "פֿאַראַן ניט-פּינקטלעכקייטן און ניט-באַגרינדעטע טעזעס". דאָס דערמאָנט מיר טראָצקיס אַקאַדעמישע פּאָלעמיק, אַז "סטאַלין איז ניט קיין ריכטיקער מאַרקסיסט", אַנשטאָט ווי אַן עקסטרא-אָראַטאָר שטורמען די וועלט וועגן דעם מאָנסטערס רציחות.

אַנדערש האָט מען רעאַגירט אויף אַנטיסעמיטישע אַרויסטריטן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. אין 1925, ווען עס האָט זיך באַוויזן הענרי פֿאָרדס בוך וועגן אינטערנאַציאָנאַלן יידנטום, האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ כוואַליע פּראָטעסטן מצד אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס. מחמת אַ מעגלעכן בויקאָט און פֿאַרלירן זיין רענאָמע, האָט ער גלייך געבעטן ביי די יידן מחילה. על-פּי-שכל האָט דער יידישער כלל, נאָך דעם ווי דער שרייבער סאָלזשעניצין האָט באַוויזן זיין אמתן פּרצוף, געדאַרפֿט אַרויס מיט אַן אַליאַרם, אַנשטאָט דעם זיינען יידן געווען די ערשטע קויפֿערס פֿון זיין בוך, וואָס האָט ניט געטאָרט אַריבערטרעטן אַ יידישע שוועל!

אויב געבן גוט אַ טראַכט באַקומט זיך אַ ביטערע איראָניע. מיר, בני ישראל, האָבן דאָס געדאַרפֿט האָבן פּרעטענזיעס צו די פּילצאָליקע "רויטע משומדים", ל.טראָצקי, ל. מאַרטאָוו, ר. לוקסענבורג און אַנדערע. אַנשטאָט צו העלפֿן זייער אייגענעם געפּלאָגטן פֿאָלק, האָבן זיי זיך אָפּגעפֿרעמדט פֿון אים און זיך באַהעפֿט מיט די גוישע "וועלט אויסלייזערס". אוי, ווי זייער טאַלאַנט און ענערגיע זיינען געווען נייטיק די אייראָפּעישע יידן אין יענער גורלדיקער תקופֿה! געשען איז אָבער פֿאַרקערט. צוליב די טרעגערס פֿון דער "רויטער פּעסט" האָבן זייערע שטאַמברידער געהאַט אויסצושטיין געברענטע צרות. באַזונדערס גרויזאַם האָט אויסגעלאָזן זיין כעס דער צאַרישער רעזשים. כדי "אויסצומענטשלען" די יידישע בירגער האָט מען געגעבן אַ פֿרייען צוטריט אין די רוסישע לערן-אַנשטאַלטן. שפּעטער, אַז געבילדעטע יידן זיינען געדיכט אַריינגעדרונגען אין דער ווירטשאַפֿט און פֿרייע פּראָפֿעסיעס, האָבן די מאַכטהאָבער געהאַט חרטה אויפֿן עסק. ס'איז צוגעקומען נאָך אַ קלאָג, אַ טייל פֿון דער יידישער יוגנט איז צוגעשטאַנען צו די רוסישע רעוואָלוציאָנערן. די רוסלענדישע מאַכט האָט זיך אין גאַנצן צעיושעט ווען אַטענטאַטלער (אין 1881) האָבן דערהרגעט דעם צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. עס איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ פּראָצענט-נאָרמע פֿאַר שילער און סטודענטן און נאָך דראַקאָנישע אַנטי-יידישע געזעצן. שוידערלעך זיינען געווען די פֿון אויבן אָרגאַניזירטע פּאָגראָמען אין אַ סך יידישע קהילות.

די שרעקלעכע גזירות קעגן יידן זיינען גורם געווען אַ מאַסן-עמיגראַציע, בעיקר קיין אַמעריקע, אַרויסגעריסן די מענטשן פון זייער היים און פאַרשאַפן מאַטערנישן און אָנצאָליקע שווערקייטן אין נייעם וווין-אָרט. שפּעטער מיט יאָרן האָבן די קינדער און אייניקלעך פון די עמיגראַנטן מיט אימפּעט זיך באַוועגט צו אַסימילאַציע און געמישטע חתונות. ביי צוויי מיליאָן יידן זיינען אין פּאַניק אַנטלאָפן פון צאַרישן רוסלאַנד, און אַ. סאָלזשעניצין האָט נאָך אַ חוצפה צו האַקן אַ טשייניק וועגן אַ געמיטלעכן צוזאַמענלעבן.

פאַרשטענדלעך, אַז אין גלות איז מען געווען אויסגעשטעלט אויף יענעמס חסד. שטעלט זיך אַ פראַגע - צי האָבן די יידישע גדולים אין ווירבל פון יענער שטורמישער צייט (אַן ערך 1818–1914) געהאַט געלעגנהייטן אין אַ געוויסער מאָס צו לינדערן די פאָלקס-יסורים? אין מעמואַרן און פּובליציסטיק האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף טשעקאַווע זאַכן. באַזונדערס פאַרגעגנדעגקען זיך צוויי פאַלן. זעט מיר אויס, אַז פון דער אָנשיקעניש "פּראָצענט-נאָרמע" איז געווען אַן אויסוועג. אויף יענער זייט רוסלאַנד האָט זיך דעמאָלט געפונען די עסטרייך-אונגערישע אימפּעריע מיט אַ מער ליבעראַלן רעזשים. אין גאַליציע, ווו עס האָבן געלעבט אַ סך יידן, האָט מען פון די מיליאָנען געלטער, וועלכע עס האָט מנדב געווען באַראָן הירש, געעפנט עטלעכע שולן פאַר יידישע קינדער. אויפבויען אַ יידישן אוניווערסיטעט, וואָס איז געווען אַזוי אַקטועל, האָט פּשוט ניט געקלעקט קיין שכל. וואָס פאַראַ וויכטיקע ראָל וואָלט דאָס געשפּילט אויף להבא פאַר נאַציאָנאַלער דערציִנג און קאָנסאָלידאַציע!

און אָט איז דער צווייטער פאַל: דער באַרימטער שאַפער פון עספּעראַנטאָ ד"ר לייזער (לודוויק) זאַמענהאָף (1859–1917) איז דווקא געווען אַ הייסער ייד. אַלס סטודענט פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט צוגעשטאַנען צו דער באַוועגונג "חובבי ציון". אויף די שפּאַלטן פון דער רוסיש-יידישער צייטונג "ראַסוועט" פלעגט ער זיך אַרויסזאָגן וועגן קאָלאָניזירן פּאַלעסטינע, אין 1881 האָט ער דאָרט אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל א"נ "וואָס זשע סוף-כל-סוף טאָן?" צוליב פּאָליטישע און צווישנרעליגיעזע טעמים - האָט ער געהאַלטן - איז נאָר מעגלעך אַ קליינעם טייל פון יידישן פאָלק באַזעצן אין פּאַלעסטינע. ביי אים האָט אויפגעבליצט אַ געדאַנק - מען באַדאַרף בעסער אויסקלייבן אַ ראַנד-געגנט אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. לויט דער לאַנד-קאָנסטיטוציע, ווען די באַפעלקערונג דערגרייכט 60 טויזנט בירגער, קען מען פּראָקלאַמירן אַ שטאַט מיט אַלע דעמאָקראַטישע רעכט, אָבער אין גיכן האָט ער זיך גאָר פאַרקאָכט אין אַן אַנדער אידעע - פאַרוואָס עקזיסטירט אַן אַנטאַגאָניזם צווישן מענטשן? זיין ענטפער: צוליבן שפּראַך-באַריער קענען זיי זיך ניט צונויפריידן. האָט ער זיינע וויטערדיקע יאָרן געווידמעט צו שאַפן פאַר דער מענטשהייט דעם אינטערנאַציאָנאַלן לשון עספּעראַנטאָ.

אַ שאָד וואָס דער רעצעפּט איז ניט פאַרקרפּערט געוואָרן אין מעשים. אַן אָרגאַניזירטע און קאָנצענטרירטע עמיגראַציע וואָלט דערמעגלעכט באַצייטנס אַרויסצושלעפּן ס'רוב יידן פון דער אַנטיסעמיטישער אייראָפּע, אויסהיטנדיק זייער לעבן און יידישקייט. זאַמענהאָפס פּלאַן איז געווען מער צו דער זאַך ווי דער שפּעטער פאַרגעלייגטער אומגעלומפּענער אוגאַנדאַ-פּראָיעקט. לאָמיר אויך ניט פאַרגעסן, אַז אין די 20–30-ער יאָרן פון פאָריקן י"ה איז געוואָרן אין גאַנצן

ביטער און פינצטער, ווען מ'האָט בכלל פאַרקלאַפּט די אימיגראַציע־טויערן. וואָס שייך טעאָדאָר הערצל און זיינע אָנהענגער האָבן זיי זיך פאַוואָלינקע באַשעפטיקט מיט דעם צוריק קערן אין אויסגעחלומטן לאַנד פון די אבות.

אַזוי דאַכט זיך, באַטראַכטדיק דעם אַמאָל מיט דעם איצטיקן פאַרשטאַנד. דעריבער איז פאַסיק צו באַצייכענען, אַז געווען איז דאָס אַ פעריאָד, אַן איבערפולטער מיט רעפאָרמאַטאָרישע טרוימען אויסצובעסערן גאָטס וועלט. אָפּט האָבן פערזענלעכקייטן אויסגעגלאָצט זייערע אויגן אויף דער גאַנצער פלאַנעטע און פאַרזען די היימישע נאַציאָנאַלע רעפאָרמען. די רעוואָלוציאָנערן האָבן אויפגענומען אין זייערע רייען די יידישע יאַטן און יאַטעכעס ווי גלייכע. זיינען זיי טאַקע צעשמאָלצן געוואָרן פון פריידן, אויפן פאָן פון די צאַרישע דיסקרימינאַציעס. אַ סך האָבן זיך שפּעטער פאַרלאָזט אויף די "אויסלייזערס פון מזרח", און ווי תמיד אין אונדזער היסטאָריע זיך אָפּגעברייט אויף פאַלשע משיחים.

צום לויב פון די באַוועגונגען אויף דער יידישער גאַס מוז געזאָגט ווערן – להיפך צו די "רויטע משומדים" זיינען זיי געבליבן איינגעוואָרצלט אין פאָלקס־באָדן, און געוואַרעמט יידישע הערצער איןליידן און אין פריידן. ציוניזם און בונדיזם, געבוירענע אין 1897, און טעריטאָריאַליזם אין 1905, האָבן אין אָנהייב געבלאָנדזשעט, און שפּעטער ניט אויסגעמיטן קיין פעלערן – אַזוינס פאַסירט מיט אַלע באַוועגונגען. ערגער איז, אַז די דריי באַוועגונגען, און אַן אַלוועלטלעכע אינסטאַנץ פאַר אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע ענינים האָבן זיך באַוויזן אויפן האָריזאָנט היפּשלעך פאַרשפּעטיקט. ערשט אין 1919 איז אין פאַריז צונויפגעשטעלט געוואָרן דער "קאָמיטעט פון יידישע דעלעגאַציעס". זיין יורש, דער "אַלוועלטלעכער יידישער קאָנגרעס" האָט דערזען די ליכטיקע שיין ערש אין 1936. סיי דער קאָמיטעט סיי דער קאָנגרעס זיינען, לויט זייער רעפּרעזענטאַנץ און קאָמפּעטענץ, געווען הימל־ווייט פון אַ "פאַרלאַמענט אין גלות".

די פאַרשפעטיקטקייט ווערט דאָ אַקצענטירט ניט גלאַט אַזוי. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה (1914–1918) איז שוין דער טראַגישער גורל פון די יידן אין אייראָפּע געווען געחתמעט! די רעזולטאַטן זיינען באַלערנדיקע. "מיינע ליטווינער", וועלכע האָבן ניט עד היום קיין איין נאָבעל־לאַורעאַט, האָבן אין 1918 געקראָגן מלוכישע זעלבשטענדיקייט. מיר, די קלוגע יידן, האָבן דעמאָלט נאָר באַקומען אַ פּאַפּירל, די "באַלפור־דעקלאַראַציע". אין מיין מוח שוועבט שטענדיק אַ ווערטל. וואָס מיר האָט געזאָגט אַן אַלט־איינגעזעסענער (ותיק) ווען איך בין געקומען אין לאַנד. אַז איך האָב אים געפרעגט פאַרוואָס מען האָט אין ישראל צעמזיקט יידיש, האָט ער מיר געענטפערט – יידן זיינען פעיקע, אָבער קיין שכל האָבן זיי ניט.

---


## מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים

בעטן מיר זיך ווענדן צו אונדזער פאַרוואַלטער:

JACOB LEWIN

6365 Orange St • LA, CA 90048

Telephone: 323 939-7379

עקיבא פישבין / ירושלים

## "אַוועק מיטן ווינט" - אַ ניי בוך פון אהרן שפּיראָ*)

אהרן שפּיראָ איז אַ מענטש פון דער פּעדער מיט אַ פּילזייטיקן טאַלאַנט. ער איז אַ זשורנאַליסט וואָס זיין וואָרט טרעפט גלייך אין פּינטל אַריין; אַ בעלעטריסט וואָס זיין נאַראַטיוו־כוח טוט באַצווינגען דעם לייענער. פון זיינע דערציילונגען איז נישט לייכט זיך אָפּפּצוריייסן. שפּיראָ איז אויך אַן עסייאיסט - אַ מחבר פון וויכטיקע אָפּהאַנדלונגען.

זיין בוך א"נ "אַוועק מיטן ווינט" - אַ געזאַמל פון דערציילונגען, בעלעטריסטישע סקיצן און עסייען - איז די צווייטע פּרוכט פון זיין געבענטשטער פּעדער.

יאָ, געווען אַ מאָל אַ גרויס יידיש וואַרשע. דער אָ פּילפאַרביקער קולטורעלער יישוב האָט אויסגעשטראַלט אויף גאַנץ עם ישראל. איז געקומען דער נאַצישער מאָנסטער און ער האָט פאַרניכטעט די אָ ליכטיקע עיר ואם בישראל, ער האָט זי אַרויסגעריסן פון לעבן מיטן וואָרצל...

אהרן שפּיראָ איז געבוירן אינעם געדיכטעניש פון יידיש־וואַרשע. ער האָט זיך דאָרט געכאָוועט אין דער סביבה פון אַ חסידישער געמיינשאַפט. ווי דער שטייגער, האָט ער געלערנט אין חדרים און ישיבות. צו זיבעצן יאָר איז ער פון תורה אַריבער צו עבודה, און אַז אַריין איז ער אין די שווערענישן פון פּראָדוקטיוון לעבן האָט ער געמאַכט אַ גייסטיקן וויראַזש. אין יענער גייסטיק האָפּערדיקער צייט אין וואַרשע האָט אים פאַרכאַפּט "דער חלום" וואָס האָט זיך גערופן "אַרקאַדי־גרופּע". די "אַרקאַדי־גרופּע" איז געווען אַ גאַנץ באַזונדערע יוגנט־אָרגאַניזאַציע אין דער יידיש־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי "בונד" אין פּוילן. אָנגעשלאָסן האָבן זיך אין דער "אַרקאַדי־גרופּע" בחורים וואָס האָבן פאַרלאָזט ישיבות, און מיידלעך וועלכע זענען אַרויס פון די פרומע "בית יעקב" שולן. געפירעמט די "גרופּע" גייסטיק האָבן צוויי וויכטיקע אינטעלעקטואַלן, געוועזענע ישיבה־בחורים, מרדכי בערנשטיין און יעקב פעלדהענדלער - צוויי פירנדיקע חברים פון בונד אין פּוילן.

פאַראַן אין בוך אַ ברייט אינפאָרמירנדיקער עסיי מכוח דער "אַרקאַדי־גרופּע". דער פיינער עסיי איז אַ רירנדיקער פאַרנייג פון מחבר לכבוד זיינע צוויי לערערס, "וועלכע האָבן געשטאַלטיקט" זיין לעבנסוועג. מצד שפּיראָ איז דער עסיי "אַ קראַנץ בלומען אויפן קבר פון מרדכי בערנשטיין אין ווייטן ניו־יאָרק... און אַ מצבה אויפן אומבאַקאַנטן קבר פון יעקב פעלדהענדלער, וועלכער האָט געטיילט דעם גורל פון די זעקס מיליאָן יידן אין אייראָפּע."

ווי אַ פאַרמלחמהדיקער תושב פון אַ טייל חסידיש־וואַרשע, טוט אהרן שפּיראָ דערלאַנגען קודם אַ בינטל זכרונות פון די "באַגינען"־יאָרן פון זיין לעבן, זיינע קאָלירפולע מעשיות־דערציילונגען זענען וואָריקע שילדערונגען פונעם יידיש־האָרעפּאָשנעם וואַרשע.

פּיקאַנט און געראָטן איז די ערשטע דערמאָנונג "דער רבי האָט מיך אָפּגעשמיסן". דער תמצית פון דער מעשה איז בקיצור אַזוי - אַ טאָג נאָך פּסח, אין דרויסן האָט די זון געשיינט, "די לופט האָט געשמעקט און געצויבערט", האָט דער טאַטע

*) 2006, ה. לייוויק פאַרלאַג, תל־אביב 203 זז' האַרטער איינבונד, מיט אַ פאָרוואָרט פון אלישבע כהן־צדק!

אַוועקגעריסן דעם פיר־יעריקן אהרן פון דעם קליינוואַרג, די "ראַצערלעך", מיט וועלכע ער פלעגט זיך שפּילן אין הויף. אַן אויסגעפּוצטן אין "אַ נײַ אַכטקאַנטיק שוואַרץ היטעלע מיט אַ נײַ ציצית־כּנפותל", האָט אים דער טאַטע אַוועקגעפירט צו ר' יהושעלע אין חדר.

איין מאָל, איז דעם קליינעם יונג "איינגעפאַלן, אַנשטאָט צוריקצוגיין נאָך מיטאָג אין חדר, בלייבן זיך שפּילן מיט די קינדער אין הויף". נר־מאַ, האָט אים צומאַרגנס דער רבי מקיים פּסק געווען - ער האָט אים אויפן גאָלן הינטן, אויף די אויגן פון דער מאַמען און כּל הנערים אָפּגעשמיסן מיט אַ קאַנטשיק...

מיט נאַראַטיווער קראַפט דערציילט אהרן שפּיראָ אַ מעשה וועגן "ר'עליע דער גבאי".

ר'עליע, אַ חסיד, איז ער -"סכּנות נפשות"- און דערבײַ אַ בלוטיקער אָרעמען, די־אָ נעבעכדיקע געשטאַלט פּירט אַ ביטערן געראַנגל מיט די שווערקייטן פון לעבן. "אַ פּאָר יאָר נאָך דער חתונה איז ער געבליבן אַן אלמן נאָך זײַן יונג פאַרשטאָרבן ווײַב וואָס האָט אים איבערגעלאָזט מיט אַ פּיצל קינד". מילא, דאָס בידנע שטיקל ברויט שלעפּט ער יאַקאָש אַרויס פונעם גבאות פון אָרעמען טריסקער שטיבל. איז אָבער די מעשה, וואָס דער קאָפּ ווערט אים צעבראָכן פון זײַן זון. זײַן איינציק זינדל איז נעבעך אַוועק אויף "שלעכטע וועגן"- ער איז געוואָרן אַ קאָמוניסט: דער בחור איז אַוועק פון דער היים, ווײַל די פּאָליצײַ אינטערעסירט זיך מיט אים אַ ביסל צו פיל, די איינציקע האָפנונג פון דעם אָרעמען ר'עליע, אַ ברכה פון טריסקער צדיק, וואָס איז גראָד איצטער אין וואַרשע: אולי ירחם!-אפשר אַזוי אַרום וועט ער, צוריק זען זײַן זון אין דער היים.

מיט בעלעטריסטישער פאַרב און ריטעם מאָלט אהרן שפּיראָ דאָס "משונהדיקע פּאָרפאָלק"... "מלך קאָפּער און ציפּע־טרײַנע", העלדן פון אַ דערציילונג מיט דעם זעלבן נאָמען. דאָס דאָזיקע פּאָרל, אָרעמלײַט אביונים. טוען אָפּפּינצטערן אַ לעבן "אין דער האַלב קעלער־שטוב הינטער די פּראַנטאָווע טרעפּ אין טויער פון הויז". זייער עקזיסטענץ, וואָס איז אָנגעשפּאַרט געווען אין צופעליק פאַרדינטע גראָשנס, האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ קלאָגעדיקער טראַגעדיע, אין דער אָ דערציילונג וויקלט זיך דורך די אייביקע דראַמע פון באַעוולטן מענטש. אינעם טייל בוך פון "נאָכן חורבן", איז פאַראַן אַ ביז גאָר רירנדער עסיי - אַ יזכור - "וואָס זעקס ליכט דערציילן". אין דער דאָזיקער קינה אויף אונדזער אַלעמענס בראָך קייקלט זיך אַ יאָמערדיקער צער נישט איבערצוטראָגן - דאָרט רײַסט זיך אַ געוואַלד־געשרײַ צו די הימלען - אַ מעכטיקער אָנקלאָג אויף דורות - פּ-אַ-ר-ו-אָ-ס !!!

דער רירנדער עסיי דאַרף, ווי אַ קינה, פאַרגעלייענט ווערן אויף די יזכור־פאַרזאַמלונגען פון דער שואה.

אין די ווײַטערדיקע "ישראל־מעשיות" פון בוך "אַוועק מיטן ווינט" הערשט אַ באַזונדערס מינאָרע אַטמאָספער. מיט נאַראַטיווער געשיקטקייט מאָלט אהרן שפּיראָ יידישע געשטאַלטן מיט טונקעלע נשמה־קנופּן פון וועלכע זיי האָבן אין לעבן נישט באַוויזן פּטור צו ווערן. מיט אַ פינצטער געמיט, פּטרן זיי אָפּ אַ לעבן און גייען אַוועק פון דער וועלט צעבראָכענע און צעלאָמיעטע...

הכלל - קורץ־און־שאַרף, אהרן שפּיראָ האָט דעם יידישן לייענער דערלאַנגט אַ ווערטפול בוך - דער פּיקחותדיקער כּוח פון זײַן נאַראַציע האַלט דעם לייענער צוגעשמידט.

# אָנגעקומען אין רעדאַקציע

* **אלכסנדר שפּיגלבלאַט**: "דורך פֿאַרדרייכערטע שייבלעך", ה. לייוויק־פֿאַרלאַג, תל־אביב 2007, 257 זז', ווייכער איינבונד. דאָס איז דאָס נײַנטע בוך פֿונעם באַקאַנטן דיכטער און פּראָזאַיקער א. שפּיגלבלאַט. אויף אַן אַנדער אָרט ברענגען מיר אַ גרעסערן פֿראַגמענט פֿון שפּיגלבלאַטס נײַעם בוך.

* **משה שקליאַר**: "ווען די ערד האָט געברענט", נאָוועלע, ה. לייוויק־פֿאַרלאַג תל־אביב 2007, 136 זז'. ווייכער איינבונד, הילע: **דוד לעווינשטיין**. דאָס איצטיקע בוך איז אַ המשך (צווייטער טייל) פֿון מ. שקליאַרס נאָוועלע א"נ "אַליין צווישן שאָטנס", וואָס איז געווען געדרוקט אין זײַן פֿריערדיקן בוך "פּראָזע און ליד" א"נ "מאָלן די אַמאָלן".

"**אויפֿן שוועל**", געזעלשאַפֿטלעך־ליטעראַרישער זשורנאַל, אָרגאַן פֿון דער ייִדיש־ליגע, ניו־יאָרק האַרבסט־ווינטער 2006. רעדאַקטאָר: **שבע צוקער**.

* **יוגנטרוף**", אַלוועלטלעכער ייִדישער יוגנט־זשורנאַל, נומ' 103, ניו־יאָרק דעצעמבער 2006. רעדאַקטאָר: **לאה ראָבינסאָן**.

* **לעבנס־פֿראַגן**", סאָציאַליסטישע חודש־שריפֿט פֿאַר פּאָליטיק, געזעלשאַפֿט און קולטור, תל־אביב, יולי־אויגוסט 2007. רעדאַקטאָר: **יצחק לודען**.

* "**ייִדישע העפֿטן**", יוני 2007. רעדאַקטירט דורך אַ קאָמיטעט: **קלאָד העמפּעל, הענרי בולאַווקאָ, מילכה שולשטיין און שמואל ליכטענשטיין**.

* "**צום פּונקט**", ייִדיש פֿון גרויס־וואַשינגטאָן, ווינטער 2006, צווייִשפּראַכיקער בולעטין. רעדאַקטאָר פֿון ייִדישן טייל: **מאַרק האַרצמאַן**; רעדאַקטאָר פֿון ענגלישן טייל: **שעלבי שאַפּיראָ**.

* "**דאָס ייִדישע וואָרט**", Slowo Zydowskie, וואַרשע, יוני 2007, קולטור־געזעלשאַפֿטלעכע און ליטעראַרישע צווייוואָכנשריפֿט (ייִדיש־פּויליש), רעדאַקטאָר פֿון ייִדישן טייל: **קאָבי ווייצנער**; רעדאַקטאָר פֿון פּוילישן טייל: **זביגניעוו סאָפּיאַן**.

* "**דער אַרבעטער בריוו**", בולעטין פֿון אַרבעטער־רינג אין לאָס אַנדזשעלעס (דרום־קאַליפֿאָרנער דיסטריקט), סעפּטעמבער 2007.

דער ייִדישער קולטור־קלוב אין לאָס אַנדזשעלעס
באַגריסט דעם מיט־פֿאָרזיצער פֿון קלוב און
רעדאַקטאָר פֿון זשורנאַל "חשבון"

**משה שקליאַר**

צום אַרויסקום פֿון זײַן בוך "**ווען די ערד האָט געברענט**";
ה. לייוויק־פֿאַרלאַג, תל־אביב **2007**.
אונדזערע בעסטע ווונטשן, געזונטע יאָרן און נײַע דערפֿאָלגן!

# כראָניק פון יידישן קולטור־קלוב אין לאָס אַנדזשעלעס

## פרילינג־זומער 2007

* זונטיק דעם 19טן אַפּריל: אָנדענק־פֿאַרזאַמלונג לכבוד דעם 64סטן יאָרטאָג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד און 62 יאָר זינט דער באַפרייונג פון די היטלערישע טויט־לאַגערן, אָרגאַניזירט דורך דעם יידישן קולטור־קלוב, אַרבעטער־רינג און אַ ריי אַנדערע סעקולערע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין לאָס אַנדזשעלעס. נאָך די אַריינפיר־ווערטער פון **עריק גאָרדאָן** (אַרבעטער־רינג) און **לילקע מייזנער** (ייק"ק), און דעם צינדן די טראַדיציאָנעלע יאָרצייט־ליכט, האָט דער מחבר פונעם בוך "Hiding in the open" זענאָן ניומאַרק, דערציילט וועגן זיינע איבערלעבונגען, בעתן אויסבאַהאַלטן זיך פון די היטלעריסטן אין אָקופירטן וואַרשע און אין אַנדערע ערטער. רות זיי, ביי דער פּיאַנאָ־באַגלייטונג פון לינדאַ פישער, האָט געזונגען באַקאַנטע געטאָ־לידער. די פאַרזאַמלונג האָט זיך פאַרענדיקט מיטן אויפזינגען דעם פאַרטיזאַנער־הימן "זאָג נישט קיין מאָל".

* זונטיק דעם 6טן מאַי: קאָנצערט מיטן אָנטייל פון אַרבעטער־רינג־כאָר "מיט געזאַנג" און די "קאָמיוניטי קלעזמער־קאַפעליע".

* זונטיק דעם 3טן יוני: **לעקציע פון פסח מאַלעוויטש אד"ט "הערמאַן יאַבלאָקאָוו און דאָס יידישע טעאַטער אין אַמעריקע".**

* זונטיק דעם 24סטן יוני: צום שלוס פונעם קולטור־סעזאָן און דעם 50סטן יאָרצייט פון גרויסן יידישן שרייבער שלום אַש איז אונדזער וואָרט־קינסטלער **יעקב לעווין** אויפגעטראָטן, אין זיין אייגענער דראַמאַטישער באַאַרבעטונג פון "אָנקל מאָזעס". במשך פון אַ קנאַפּער שעה האָט דער עולם אין שפּאַנונג אויסגעהערט די קינסטלערישע אינטערפּרעטאַציע פון שלום אַשס ווערק.

* זונטיק דעם 12טן אויגוסט: צום 55סטן יאָרצייט נאָכן מאָרד פון די סאָוועטיש־יידישע שרייבערס און קולטור־טוערס, איז אין זאַל פון אַרבעטער־רינג פאָרגעקומען אַן אָנדענק־פאַרזאַמלונג, אָרגאַניזירט דורך אַ קאָמיטעט פון פאָרשטייערס פון אַ"ר, יידישן קולטור־קלוב, שלום־געזעלשאַפט און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס אין ל"אַ. נאָך די קורצע דערמאָנונג־ווערטער. פון **עריק גאָרדאָן** און **לילקע מייזנער** האָבן אַרטשי באַרקאָן, יעקב באַסנער, מרים קאָראַל, **יעקב לעווין**, רות יודקאָוויטש, סעט קראַמער און גאַרי מאַרגוליס פאָרגעלייענט לידער פון די אומגעבראַכטע פּאָעטן, דורכגעפלאָכטן מיט דעם נאַראַטיוו אין יידיש און ענגלישער איבערזעצונג פון הערשל האַרטמאַן. דער אַרבעטער־רינג כאָר "מיט געזאַנג", אונטער דער דירעקציע פון קאַטרין ראַו, האָט אויסגעפירט אַ ריי לידער פון די אומגעבראַכטע פּאָעטן.

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

---

# דער דיסטריקט קאָמיטעט פון
# אַרבעטער רינג

**שיקט זייַנע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע
מיטגלידער און פריינד בכל מקום שהם.**

Dear friends, we earnestly appeal to you. Join the Workmen's Circle/Arbeter Ring and help us teach and preserve Yiddish for the next generation. Please do your part. Help us grow and sustain our critically important work. As Hillel has said, "If not you, who?" Join Now!

## ARBETER RING/
## THE WORKMEN'S CIRCLE

1525 S. Robertson Blvd. • Los Angeles, Calif. 90035

(310) 552-2007 אָדער טעלעפאָנירט

---

## דער לאָס אַנדזשעלעסער
## יידישער קולטור קלוב

*שיקט זייַנע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע
אונדזערע מיטגלידער און פריינד
בכל מקום שהם*

תכלה שנה וקללותיה
תחל שנה וברכותיה

יום־טובדיקע גרוסן און ווונטשן
צו די שרייבערס, אַדמיניסטראַציע
און לייענערס פון "חשבון".
זאָלן אייערע הענט געשטאַרקט זיין
ביים פאַרשפרייטן
און פּאָפּוליאַריזירן די קולטור־אוצרות,
אָנגעזאַמלטע און געשאַפענע
אין יידישן לשון.

**שעלבי שאַפּיראָ**
בעטעסדאַ, מערילענד

**יידישע חבורה פון פּאַסיפיק פּאַליסיידס**
ווינטשט אַלעמען אַ געזונט און גליקלעך ניי יאָר,
עס זאָל זיין אַ יאָר פון שלום פאַר אַלע יידן.
לשנה טובה תכתבו.

**לי לעווענטאַל - סעק.**

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

# מאיר, נחום, לייזער ליינער
# און משפּחות

אין אַנדענק פון אונדזער
פאָטער און מוטער

# שמחה און שרה ליינער ע"ה

ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד, יידיש צווייג
טשענקין ווייסבערג, פּרעז.

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

---

בענדער, סיבעל

---

בריקס, בעלאַ, ישראל

---

האָניגספעלד, דזשאָן

---

האַדאַ, זשאַנעט און עלען טאָבי

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

---

**הענדלער, פראַנק און טרוים**

---

**ווינקלער, יאָסל,** אויסטראַליע
צום נייעם יאָר ווינטש איך דעם זשורנאַל "חשבון"
דערפאָלג אין אויפהאַלטן און פאַרשפּייטן דאָס יידישע וואָרט,
די מיטאַרבעטער און לייענער - אַ געזונט יאָר!

---

**לעווין, יעקב און רעגינע**

---

**מאָסקאָוויטש, יצחק און שרה**
מיט גוטע ווונטשן פאַר אַלע אונטערשטיצער
פון "חשבון" און ספּעציעלע ווונטשן פון געזונט
און לאַנג לעבן פאַר משה שקליאַר, יעקב לעווין
און לילקע מייזנער

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

---

**מייזנער, לילקע**
אין אָנדענק פון **שלמהן**

---

**קאַפּלאַן, רחל**

---

**רייך, פּנחס און שיינדל**
פּאַר אונדזערע משפּחות און פּריינד, זאָל זיין
אַ יאָר פון געזונט, מזל און שלום אין מדינת ישראל
און אין דער גאַנצער וועלט!

---

**שייפער, דאַנאַ**

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

---

דזשויס, טעמע

לעווענטאַל, לי און בעבאַ

מאַלעוויטש, פּסח און זעלדע

מעלניק, משה און אַדינאַ

סטעמפּעל, טינאַ

קאַפּלאַן, מוראַי

הרב קיעל, מרדכי

שקליאַר, משה און דאָרקע